בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

ספֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוָון פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה און
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

פַּרְשַׁת שְׁמוֹת

תשפ"א

היכל הקודש

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

צו באקומען די און אנדערע ספרים און קונטריסים:

**היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי**
Heichal Hakodesh
Kiryas Breslev
181 Huschke Road
Liberty NY 12747

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh
Williamsburg
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
1-718-384-1652

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
1-845-467-5299

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
Monroe NY 10950
1-845-243-0563

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh
Boro Park
1011 41 Street
Brooklyn NY 11219
1-718-384-1652

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh
Monsey
32 Dolson Road
Monsey NY 10952
1-347-733-7551

Visit Our Web Site:
www.BreslevCenter.com

צו הערן די הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:

**קול ברסלב**
**212-444-9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212-444-9169**

## חיזוק יומי

**צו באקומען די חיזוק יומי**

**אימעיל**
chizikyomi@gmail.com

**טעלעפאון מעסידזשינג**
347-630-2876

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה


מַיין פַּרְנָסָה עֶרְמֶעגְלִיכְט מִיר נִישְׁט צוּ גֵיין אִין שׁוּל דַאוְוענֶען, וָואס טוּ אִיךְ?.................................................................. א

וִוי אַזוֹי עֶרְקְלֶערְט מֶען פַּאר קִינְדֶער אַז מִיר פִּירְן זִיךְ אַנְדֶערְשׁ פוּן דִי קְרוֹבִים?.................................................................. ב

וִוי אַזוֹי מַאךְ אִיךְ מַיין טָאכְטֶער זָאל וֶועלְן דַאוְוענֶען?.............. ה

אִיז אֱמֶת דִי לָשׁוֹן הָרָע'ס וָואס מֶען רֶעדְט אוֹיפְ'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה?.. ו

וָואס טוּ אִיךְ אַז דִי שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען שְׁטֶערְן מִיר אִין לֶעבְּן?.................................................................. ט

זָאלְן מִיר עֶפֶענֶען אַ בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִין אוּנְזֶער שְׁטָאט?.................................................................. יב

אִיז מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעוֶוען קֶעגְן דֶעם סֵפֶר מוֹרֶה נְבוֹכִים?.................................................................. טו

וָואס טוּט מֶען מִיט אַ קְלֵיין קִינְד וָואס רֶעדְט נִישְׁט גֶעהֶערִיג?.. יז

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

דוּ קֶענְסְט אוֹיךְ וֶוערְן הַיינְט בַּר מִצְוָה.........................א

וֶוער אִיז טַאקֶע בְּרֶסְלֶב?! ............................................ב

דֶרֶךְ אֶרֶץ הֵייבְּט זִיךְ אָן אִין שְׁטוּבּ מִיט טַאטֶע מַאמֶע ...............ד

גַבָּאִים פוּן בֵּית הַמֶדְרָשׁ דַארְפְן אַרְבֶּעטְן אִינְאֵיינֶעם בְּאַחְדוּת .....ה

גִלְיוֹן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִיבֶּערְגֶעטַייטְשְׁט אוֹיף עֶנְגְלִישׁ ...................ז

לְכָבוֹד שׁוֹבָבִ"ים זָאלְט אִיר זִיךְ בַּאנֵייעֶן אִין זָאגְן תְּהִלִים יֶעדְן טָאג..................................................................ז

אַז מֶען פִירְט אַן עֶרְלִיכֶע שְׁטוּבּ, בְּרֶענְגְט מֶען נָאר נַחַת פַאר דִי עֶלְטֶערְן .........................................................י

וֶוען דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער אַזַא שְׁוֶוערֶע נִסָיוֹן, דַארְפְסְטוּ זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אֱמוּנָה ......................................יא

אִין זְכוּת פוּן צְנִיעוּת, הָאט מֶען הֵיילִיגֶע קִינְדֶער.....................יב

קֶענְסְט עוֹסֵק זַיין אִין נָאךְ אַ פַּרְנָסָה, אָבֶּער דַיין עִיקָר זַאךְ זָאל דַיין הֲפָצָה .....................................................יג

גֶעבּ נִישְׁט קַיין סְפָרִים פַאר וֶוער עֶס דַארְף עֶס נִישְׁט...............יד

מֶען דַארְף רֶעדְן וֵוייךְ צוּ דִי וַוייבּ..........................................יד

עֶנְדֶערְשׁ שִׁיקְן צוּ אַן עֶרְלִיכֶע סְקוּל, אֲפִילוּ עֶס אִיז וַוייט פוּן שְׁטוּבּ.......................................................טו

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## מַיין פַּרְנָסָה עֶרְמֶעגְלִיכְט מִיר נִישְׁט צוּ גֵיין אִין שׁוּל דַאוְוענֶען, וָואס טוּ אִיךְ?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א.

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר מַיין לֶעבְּן, אוּן אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים אוּן חִיזוּק וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעבְּט מִיר כְּסֵדֶר.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה, אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן אַ נֵייעֶ פַּרְנָסָה לֶעצְטְנְס, אִיךְ הֵייבּ אָן אַרְבֶּעטְן זִיבְּן אַ זֵייגֶער אִינְדֶערְפְרִי אוּן אִיךְ קֶען נִישְׁט גֵיין אִין שׁוּל דַאוְוענֶען דְרֵיי מָאל אַ טָאג, וָואס זָאל אִיךְ טוּן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיְחִי, י״ד טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיװ.**

**אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן אִין דַאוְוענֶען דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת דְרֵיי מָאל אַ טָאג מִיט מְסִירַת נֶפֶשׁ, וַוייל שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב - דָאס אִיז דֶער פָּארֶעם וָואס הַאלְט דֶעם מֶענְטְשׁ עֶר זָאל בְּלַייבְּן אַ אִיד, עֶר זָאל בְּלַייבְּן צוּגֶעבִּינְדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.**

**דֶער רֶבִּי זָאגְט** (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק ב׳, סִימָן ח) **: ״דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת וֶוערְן אָנְגֶערוּפְן מַחֲנֶה יִשְׂרָאֵל, דָאס שְׁטַארְקְט דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ בְּלַייבְּן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן״, אוּן דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז דָאס אִיז פְּשַׁט וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן** (בְּרָכוֹת נד.) **עוֹג מֶלֶךְ**

הַבָּשָׁן הָאט גֶעזָאגְט: "מַחֲנֵה יִשְׂרָאֵל כַּמָּה הַוֵי, תְּלָתָא פַּרְסֵי", און עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען און אוֹיסְגֶערִיסְן אַ בַּארְג פון דְרֵיי פַּרְסָה, עֶר הָאט דָאס גֶעוָואלְט וַוארְפְן אוֹיף דִי אִידְן, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעמַאכְט אַ נֵס, עֶס זֶענֶען גֶעקוּמֶען קְלֵיינֶע וָוערֶעמְלֶעךְ און גֶעלֶעכֶערְט דֶעם בַּארְג בִּיז דֶער בַּארְג אִיז אִים אַרַיין גֶעפַאלְן אוֹיפְ'ן הַאלְז און אִים דֶערְשְׁטִיקְט, נָאכְדֶעם אִיז גֶעקוּמֶען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, עֶר הָאט גֶעגֶעבְּן אַ שְׁפְּרִינְג און אִים דֶערְלַאנְגְט אַ קְלַאפּ אוֹיף זַיין פוּס און אִים גֶע'הַרְגְ'עֶט. זָאגְט דֶער רֶבִּי, עוֹג מֶלֶךְ הַבָּשָׁן - דָאס אִיז דֶער יֵצֶר הָרָע וָואס עֶר הָאט פַיינְט יֶעדְן אִיד און עֶר וִויל הַרְגְ'עֶנֶען יֶעדְן אִיד, עֶר זוּכְט אוֹיסְצוּרַייסְן פון אוּנְז דִי דְרֵיי תְּפִילּוֹת און דוּרְכְדֶעם אוּנְז אַרוֹיסְנֶעמֶען פון מַחֲנֶה יִשְׂרָאֵל, "מַחֲנֵה יִשְׂרָאֵל כַּמָּה הַוֵי, תְּלָתָא פַּרְסֵי", פַּרְסֵי אִיז אַ לָשׁוֹן פון דַאוֶוענֶען דִי דְרֵיי תְּפִילּוֹת, דָאס אִיז מַחֲנֵה יִשְׂרָאֵל.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט רֶעדְן צוּ דַיין בַּעַל הַבַּיִת און אִים זָאגְן אַז עֶר מוּז דִיר גֶעבְּן צַייט צוּ גֵיין דַאוֶוענֶען דִי דְרֵיי תְּפִילּוֹת, עַל פִּי רוֹב וֶוען אַ בַּעַל הַבַּיִת זֶעט אַז דֶער אַרְבֶּעטֶער וִויל דַאוֶוענֶען - וֶועט עֶר אִים לָאזְן, עֶר וֶועט זִיךְ פְרֵייעֶן צוּ זֶען אַז זַיין אַרְבֶּעטֶער הָאט יִרְאַת שָׁמַיִם. דִי בַּעֲלֵי בַּתִּים זוּכְן אִינְגֶעלַייט מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, וַוייל נָאר דִי וָואס לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַרְבֶּעטְן גֶעטְרֵיי, דִי בַּא'גַנְבְ'עֶנֶען נִישְׁט; זָאלְסְטוּ אִים קְלָאר זָאגְן: "אִיךְ בִּין אַ אִיד, פּוּנְקְט אַזוֹי וִוי אִיךְ אַרְבֶּעט נִישְׁט שַׁבָּת, אַזוֹי אוֹיךְ דַארְף אִיךְ הָאבְּן יֶעדְן טָאג צַייט צוּ דַאוֶוענֶען", עֶר וֶועט דִיר זִיכֶער לָאזְן.

אוֹיב עֶר וִויל דִיר נִישְׁט גֶעבְּן צַייט צוּ דַאוֶוענֶען - וֵייסְטוּ אַלֵיינְס וָואס דוּ הָאסְט צוּ טוּן; לָאז אִים זוּכְן אַנְדֶערֶע עֲבָדִים, זָאל עֶר אַ צְוֵוייטְן אוֹיסְקְוֶועטְשְׁן צוּם טוֹיט, דוּ וֶועסְט טְרֶעפְן אַ גְרִינְגֶערֶע אַרְבֶּעט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וִוי אַזוֹי עֶרְקְלֶערְט מֶען פַאר קִינְדֶער אַז מִיר פִירְן זִיךְ אַנְדֶערְשׁ פון דִי קְרוֹבִים?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מִיר זֶענֶען זִיךְ זֵייעֶר מְחַזֵק מִיט דִי בְּרִיוו פון "עֲצָתוֹ אֱמוּנָה", אַ גְרוֹיסְן יִישַׁר כֹּחַ.

מִיר הָאבְּן גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אַ זַאךְ וָואס שְׁטֶערְט אוּנְז זֵייעֶר שְׁטַארְק. אִין אוּנְזֶער מִשְׁפָּחָה זֶענֶען דָא פִּילֶע פֶּעטֶערְס אוּן קָאזִינְס אַרוּם אוּן אַרוּם וָואס זֵיי אַלֶע דְרֵייעֶן זִיךְ מִיט סְמַארְטְפָאוֹנְס, הָאבְּן קָאמְפְּיוּטֶערְס אִין שְׁטוּב אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קֵיין שׁוּם פְּרָאבְּלֶעם דֶערְמִיט, זֵיי זָאגְן אַז דִי עֶרְוַואקְסֶענֶע דַארְפְן זִיךְ אַבִּיסְל אוֹיסְלוּפְטֶערְן אוּן דִי קִינְדֶער טָאר מֶען נִישְׁט הַאלְטְן אַזוֹי פַארְמַאכְט.

מִיר זֶענֶען זֵייעֶר קֶעגְן דֶעם, מִיר הָאבְּן נִישְׁט דִי אַלֶע זַאכְן, מִיר ווִילְן נִישְׁט וַוייזְן קֵיין ווִידִיאָס פַאר דִי קִינְדֶער. אָבֶּער דִי קִינְדֶער טְרֶעפְן זִיךְ אַסַאךְ מִיט דִי קְרוֹבִים אוּן זֵיי ווִילְן אוֹיךְ זֶען וָואס דִי אַנְדֶערֶע זֶעעֶן.

ווִי אַזוֹי קֶען מֶען מַסְבִּיר זַיין פַאר דִי קִינְדֶער אַז מִיר זֶענֶען אַנְדֶערְשׁ פוּן זֵיי? זֵיי גֵייעֶן דָאךְ אֶנְגֶעטוּן פּוּנְקְט ווִי אוּנְז, אוּן ווִי אַזוֹי קֶענֶען דִי קִינְדֶער פַארְשְׁטֵיין אַז מִיר גֵייעֶן אוֹיף אַן אַנְדֶערְן וֶועג?

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מִיר זֶענֶען אַסַאךְ מִתְפַּלֵל פַאר דִי הַצְלָחָה פוּן דִי קִינְדֶער בְּרוּחְנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת, אַזוֹי ווִי מוֹהֲרַא"שׁ זָאגְט, אַז אַלֶעס פּוֹעֵל'ט מֶען נָאר מִיט תְּפִלָּה, אָבֶּער מִיר דַארְפְן אוֹיךְ אַן עֵצָה אוֹיף לְמַעֲשֶׂה ווִי אַזוֹי זִיךְ אַן עֵצָה צוּ גֶעבְּן אִין דֶעם עִנְיָן אוּן ווִי אַזוֹי צוּ רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער אִיבֶּער דֶעם.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיְחִי, י״ד טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... שֶׁיִּחְיוּ**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

ווארויל זֶענֶען דִי עֶלְטֶערְן וָואס גֶעבְּן אַכְטוּנְג אוֹיף זֵייעֶר שְׁטוּב, אוֹיף זֵייעֶרֶע קִינְדֶער; זֵיי זָאלְן אוֹיפְוַואקְסְן אָפְּגֶעהִיטְן אוּן רֵיין.

זֵייעֶר גוּט טוּט אִיר אַז אִיר שְׁטֵייט וַוייט פוּן טֶעלֶעפָאן אוּן קָאמְפְּיוּטֶער אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן וַואקְסְן עֶרְלִיךְ אוּן רֵיין; אִיר וֶועט הָאבְּן נַחַת אוּן שְׁנַיידְן שֵׁיינֶע פֵּירוֹת.

בְּנוֹגֵעַ וָואס צוּ זָאגְן פַאר דִי קִינְדֶער וֶוען זֵיי זֶעעֶן בַּיי מִשְׁפָּחָה אַז זֵיי הָאבְּן טֶעלֶעפָאוֹנְס, קָאמְפְּיוּטֶערְס וְכוּ׳ וְכוּ׳; וָואס זָאגְט מֶען? וָואס עֶנְטְפֶערְט מֶען? דִי שְׁאֵלָה אִיז אַ כְּלָלִיּוּת׳דִיגֶע שְׁאֵלָה, עֶס אִיז נִישְׁט נָאר בַּיי טֶעלֶעפָאוֹנְס, עֶס אִיז בַּיי אַלֶעס, בַּיי זֵייעֶר אַסַאךְ מִשְׁפָּחוֹת צֶעטֵיילְט זִיךְ דִי מִשְׁפָּחָה, אַ טֵייל זֶענֶען זֵייעֶר

אַיידל און אָפְּגֶעהִיטְן און אַ טֵייל זֶענֶען מֶער צֶעפְּלוֹיגְן און פְּרָאסְט וְכוּ׳; שְׁטֶעלְט זִיךְ דִי פְּרַאגֶע, וָואס זָאגְט מֶען פַאר דִי קִינְדֶער וֶוען זֵיי פְרֶעגְן: ׳פַארְוָואס טָארְן מִיר נִישְׁט גֵיין אָנְגֶעטוּן נָאר אַזוֹי און אַזוֹי, און דִי אַנְדֶערֶע טֵייל פוּן דִי מִשְׁפָּחָה גֵייעֶן אָנְגֶעטוּן וִוי אַזוֹי זֵיי ווילְן?׳ אָדֶער קֶען מֶען הֶערְן קִינְדֶער פְרֶעגְן: ׳פַארְוָואס טָארְן מִיר נִישְׁט עֶסְן בַּיי יֶענֶע פְּלַאץ, בִּשְׁעַת אוּנְזֶערֶע פֶעטֶערְס און מוּמֶעס מִיט זֵייעֶרֶע מִשְׁפָּחוֹת עֶסְן יָא דָארְט?׳ זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל אִיז עֶס גָאר נָאנְטֶע מִשְׁפָּחָה און עֶס אִיז אַזֶעלְכֶע זַאכְן וָואס מֶען קֶען נִישְׁט אָנְוַוייזְן קְלָאר פַאר דִי קִינְדֶער אַז דִי אַנְדֶערֶע טוּעֶן קֶעגְן דִי תּוֹרָה, שְׁטֶעלְט זִיךְ דִי פְּרַאגֶע, וָואס זָאגְט מֶען? וָואס עֶנְטְפֶערְט מֶען?

דָאס בֶּעסְטֶע אִיז אַז מֶען רֶעדְט צוּ דִי קִינְדֶער שְׁטֶענְדִיג פוּן הָאבְּן אַ מוֹרֶה דֶרֶךְ אִין לֶעבְּן; פוּן הָאבְּן אַ רָב, אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, וָואס עֶר לֶערְנְט אוּנְז וִוי אַזוֹי מֶען זָאל זִיךְ פִירְן - אַזוֹי פִירְן מִיר זִיךְ און הֱיוֹת אוּנְזֶער רָב זָאגְט מִיר זָאלְן נִישְׁט הָאבְּן קַיין טֶעלֶעפָאוֹן און קָאמְפְּיוּטֶער אִין שְׁטוּב - פָּאלְגְן מִיר וָואס אוּנְזֶער רָב זָאגְט, קֶען זַיין אַז דִי אִיבְּרִיגֶע מִשְׁפָּחָה הָאבְּן אַנְדֶערֶע שִׁיטוֹת, אַנְדֶערֶע וֶועגְן וְכוּ׳. אוּנְזֶער רָב זָאגְט מִיר זָאלְן גֵיין אָנְגֶעטוּן אַזוֹי און אַזוֹי, אוּנְזֶער מוֹרֶה דֶרֶךְ לֶערְנְט אוּנְז מִיר זָאלְן עֶסְן נָאר דִי הֶכְשֵׁר וְכוּ׳, וְכוּ׳.

לֵייגְט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן לִיבּ הָאבְּן עֶרְלִיכֶע אִידְן, אַרוֹיפְקוּקְן עֶרְלִיכֶע אִידְן; זֵיי זָאלְן ווִיסְן אַז מֶען דַארְף הָאבְּן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וָואס פִירְט דֶער לֶעבְּן. חַזֶר׳ט מִיט זֵיי אַז אַ אִיד קֶען נִישְׁט טוּן וָואס עֶר וִויל, אַ אִיד הָאט דִי תּוֹרָה, מֶען דַארְף גֵיין אִין דִי וֶועג פוּן דִי תּוֹרָה און אִין יֶעדְן דוֹר מַאכְן זִיךְ נַייעֶ שְׁאֵלוֹת און נַייעֶ סְפֵיקוֹת, דַארְף מֶען הָאבְּן עֶרְלִיכֶע אִידְן תַּלְמִידֵי חֲכָמִים יִרְאֵי הַשֵּׁם וָואס זֵיי וַוייזְן אוּנְז וָואס דֶער וֶועג פוּן תּוֹרָה אִיז.

אַז מֶען לֵייגְט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּ תַּלְמִידֵי חֲכָמִים יִרְאֵי הַשֵּׁם, וֶועלְן זֵיי וַואקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידְן. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת כג:): ״דְּרָחִים רַבָּנָן הָוֵי לֵהּ בְּנִין רַבָּנָן״, וֶוער עֶס הָאט לִיבּ תַּלְמִידֵי חֲכָמִים וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער תַּלְמִידֵי חֲכָמִים, ״דְמוֹקִיר רַבָּנָן הָוֵי לֵהּ חַתְנוּתָא רַבָּנָן״, וֶוער עֶס אִיז מְכַבֵּד תַּלְמִידֵי חֲכָמִים וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אֵיידֶעמֶער תַּלְמִידֵי חֲכָמִים, ״דְּדָחִיל מֵרַבָּנָן״, און וֶוער עֶס הָאט מוֹרָא פוּן תַּלְמִידֵי חֲכָמִים, ״הוּא גּוּפֵיהּ הָוֵי צוּרְבָא מֵרַבָּנָן״, וֶועט אַלֵיינְס וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד; חַס וְחָלִילָה אַוֶועק מַאכְן עֶרְלִיכֶע אִידְן, חַס וְחָלִילָה שְׁפֶּעטְן פוּן תַּלְמִידֵי חֲכָמִים, דִי אַלֶע וָואס מַאכְן חוֹזֶק פוּן

עֶרְלִיכֶע אִידְן, שְׁפֶּעטְן פוּן עֶרְלִיכֶע אִידְן - וֶועלְן זֵייעֶרֶע קִינְדֶער אַוֶועקְגֵיין פוּן אִידִישְׁקֵייט.

וֶוען מֶען פַארְעֶנְטְפֶערְט אַזֶעלְכֶע פְרַאגֶעס דַארְף מֶען בְּעִיקָר רֶעדְן פוּן זִיךְ, נִישְׁט אַוֶועק מַאכְן אַנְדֶערֶע; דָאס הֵייסְט, דֶער עִיקָר זָאל מֶען רֶעדְן פוּן הָאבְּן אַ רָב, אַ מוֹרֶה דֶרֶךְ וָואס עֶר וַוייזְט אוּנְז ווִי אַזוֹי מִיר זָאלְן לֶעבְּן. וָואס וֵוייניגֶער רֶעדְן קֶעגְן דִי אִיבְּרִיגֶע מִשְׁפָּחָה, מֶען קֶען רֶעדְן קֶעגְן דֶעם פְּרָאבְּלֶעם, דָאס שֶׁעדְלִיכְקֵייט פוּנֶעם פְּרָאבְּלֶעם, אָבֶּער נִישְׁט אַוֶועק מַאכְן דִי מִשְׁפָּחָה.

אַז מֶען לֵייגְט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער פוּן יוּגְנְט אָן אַז 'מִיר הָאבְּן אַ וֶועג וַוייזֶער' - וֶוערְן זֵיי קְלָאר, זֵיי וֶוערְן נִישְׁט צוּמִישְׁט וֶוען זֵיי זֶעעֶן אַנְדֶערֶע גֵייעֶן אִין אַנְדֶערֶע וֶועגְן. דָאס הָאט דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא רֶבִּי אֱלִיעֶזֶר גֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים אֵיידֶער עֶר אִיז נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן (בְּרָכוֹת כח:), וֶוען זֵיי הָאבְּן אִים גֶעבֶּעטְן: "רַבִּי, לַמְּדֵנוּ אָרְחוֹת חַיִּים", רֶבִּי, אֵיידֶער דֶער רֶבִּי גֵייט אַוֶועק פוּן אוּנְז זָאל אוּנְז דֶער רֶבִּי זָאגְן ווִי אַזוֹי זָאלְן מִיר זִיךְ פִירְן, הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט אַפָּאר ווִיכְטִיגֶע זַאכְן, אֵיינֶע פוּן דִי זַאכְן הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט: "וְהוֹשִׁיבוּם בֵּין בִּרְכֵּי תַּלְמִידֵי חֲכָמִים", אִיר זָאלְט נֶעמֶען אַייעֶרֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זִיךְ דְרֵייעֶן בַּיי עֶרְלִיכֶע אִידְן, לֶערְנֶען דִי וֶועג פוּן דִי תּוֹרָה, אַזוֹי וֶועלְן זֵיי אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### ווִי אַזוֹי מַאךְ אִיךְ מַיין טָאכְטֶער זָאל וֶועלְן דַאוֶוענֶען?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאב אַ טָאכְטֶער פוּן אַכְט יָאר אַלְט וָואס הַאלְט נִישְׁט בַּיים דַאוֶוענֶען. זִי זָאגְט אַז זִי פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דִי וֶוערְטֶער וָואס זִי רֶעדְט אוּן דֶערְפַאר הָאט זִי נִישְׁט קַיין גֶעדוּלְד צוּ דַאוֶוענֶען. וָואס קֶען אִיךְ טוּן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, י״ט טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

**זַייט אִיר מְחַזֵּק, זָאגְט אִיר אַז אֲפִילוּ זִי פַאְרשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס זִי דַאוֶונְט - זָאל זִי וַוייטֶער דַאוֶונֶען, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַארְשְׁטֵייט יֶעדֶעס וָוארְט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אוֹיס יֶעדֶעס וָוארְט וָואס מֶען בֶּעט אִים.**

**מִיט דִי צַייט וֶועט זִי אוֹיפְכַאפְּן דִי פֵּירוּשׁ הַמִּילוֹת, וֶועט זִי בַּאקוּמֶען מֶער אוּן מֶער גֶעפִיל צוּם דַאוֶונֶען.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

**...**

**אִיז אֱמֶת דִי לָשׁוֹן הָרָע׳ס וָואס מֶען רֶעדְט אוֹיפְ׳ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר פוּן אַ צֶעבְּרָאכֶענֶע שְׁטוּב וָואס אִיז זִיךְ זֵייעֶר מְחַזֵּק מִיט דִי שִׁיעוּרִים, עֶס גֶעבְּט מִיר פִיל חִיזּוּק אִין לֶעבְּן. אִיךְ הַאלְט שׁוֹין בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִינְמִיטְן דִי דְרִיטֶע מָאל מִשְׁנָיוֹת; אַ טָאג וָואס אִיךְ קוּם אָן צוּ זָאגְן ח"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת אִיז גָאר אַן אַנְדֶערֶע טָאג, דִי זְכוּת זָאל אַייךְ בֵּיישְׁטֵיין.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אִיבֶּער דֶעם וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן מֶענְטְשְׁן אוּן אוֹיךְ אִיז עֶס גֶעוֶוען בַּארִיכְטֶעט אוֹיף אַ גֶעווִיסֶע הַאטְלַיין, אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א לָאזְט טַאנְצְן אוּם תִּשְׁעָה בְּאָב. אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אַז עֶס אִיז נִישְׁט אֱמֶת, אָבֶּער אִיךְ ווִיל וִויסְן פוּן וואו זֵיי נֶעמֶען עֶס אוּן זִיכֶער מַאכְן אַז עֶס אִיז טַאקֶע נִישְׁט אֱמֶת.

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, י"ט טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"א לִפְרַט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וואוּיל אִיז דִיר אַז דוּ שְׁטַארְקְסְט זִיךְ מִיט לִימּוּד הַתּוֹרָה, דוּ הָאסְט שׁוֹין זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מְסַיֵּים זַיין שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה אוּן נָאךְ אַבִּיסְל בִּיסְטוּ דָאס מְסַיֵּים דִי דְרִיטֶע מָאל; עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין בֶּעסֶערֶע פְּלַאץ וואוּ צוּ אַנְטְלוֹיפְן וֶוען מֶען הָאט אַ צָרָה וִוי צוּ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנָּא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּא, פֶּרֶק ו): "אִם רָאִיתָ שֶׁהַיִּסּוּרִין מְמַשְׁמְשִׁין וּבָאוֹת עָלֶיךָ, רוּץ לְחַדְרֵי דִּבְרֵי תּוֹרָה, וּמִיָּד הַיִּסּוּרִין בּוֹרְחִין מִמְּךָ", אוֹיבּ דוּ זֶעסְט אַז עֶס קוּמֶען אוֹיף דִיר צָרוֹת אוּן יְסוּרִים, אַנְטְלוֹיף צוּ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, וֶועסְטוּ וֶוערְן גֶערַאטֶעוֶועט.

בְּנוֹגֵעַ דִי לָשׁוֹן הָרָע'ס וָואס מֶען רֶעדְט אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן אוּן אוֹיפְ'ן רֶבִּינְ'ס מֶענְטְשְׁן; דֶערְמַאנְסְט מִיר דִי מַעֲשֶׂה וָואס הָאט פַּאסִירְט בַּיי רֶבִּי נָתָן, מֶען הָאט עֵדוּת גֶעזָאגְט אוֹיף רֶבִּי נָתָן אַז עֶר עֶסְט אוּם ט' בְּאָב, צְוֵויי עֵדוּת הָאבְּן גֶעשְׁווֹאוֹירְן אַז זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען וִוי רֶבִּי נָתָן מַאכְט אַ סְעוּדָה, עֶר עֶסְט אוּן טְרִינְקְט אוּם ט' בְּאָב; רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעוֶוען גַאנְץ ט' בְּאָב אַיינְגֶעשְׁפַּארְט, מֶען הָאט אַרוֹיסְגֶעהֶערְט וֵויינֶען אַ גַאנְצְן טָאג. רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעוֵויינְט אוֹיפְ'ן חוּרְבָּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ נִישְׁט נָאר ט' בְּאָב, נָאר יֶעדֶע נַאכְט בַּיי תִּיקּוּן חֲצוֹת. זַיין שָׁכֵן, יוֹנָה מְלַמֵּד, הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיין רֶבִּי, וֶוען זַיין רֶבִּי הָאט אִים גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל בַּיינַאכְט הַרְגֶ'עֶנֶען רֶבִּי נָתָן: "דֶער רֶבִּי זָאל מְכַבֵּד זַיין אַ צְוֵוייטְן מִיט דִי מִצְוָה, אִיךְ קֶען דָאס נִישְׁט טוּן פַאר מַיין שָׁכֵן רֶבִּי נָתָן, אִיךְ הֶער יֶעדֶע נַאכְט וִוי עֶר זָאגְט תִּיקּוּן חֲצוֹת מִיט אַזַא גֶעוֵויין, מִיט אַ זִיסְקֵייט, אִיךְ וֶועל דָאס נִישְׁט טוּן"; אוֹיף אַזַא אִיד הָאט מֶען גֶעזָאגְט אַז עֶר עֶסְט ט' בְּאָב אוּן טַאנְצְט ט' בְּאָב.

שְׁפֶּעטֶער הָאט מֶען גֶעפְרֶעגְט אֵיינֶער פוּן דִי עֵדוּת וָואס הָאבְּן מֵעִיד גֶעוֶוען דִי פַאלְשֶׁע עֵדוּת, עֲקִיבָא מֵאִירְטְשֶׁעס, הֲיִתָּכֵן, וִוי קֶען זַיין אִיר הָאט גֶעשְׁווֹאוֹירְן אוֹיף לִיגְנְט? הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "מִיר הָאבְּן גֶעזֶען רֶבִּי נָתָן עֶסְן ט' בְּאָב וָואס אִיז גֶעפַאלְן אוּם שַׁבָּת, מִיר הָאבְּן נִישְׁט גֶעשְׁווֹאוֹירְן פַאלְשׁ, מִיר הָאבְּן גֶעווּיסְט אַז מֶען וֶועט אוּנְז נִישְׁט פְרֶעגְן אוֹיבּ דָאס אִיז גֶעוֶוען ט' בְּאָב שֶׁחָל בְּשַׁבָּת"; דִי רַבָּנִים, זֵיי הָאבְּן גֶעמֵיינְט אַז רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעגֶעסְן אִין אַ וָואכְנְדִיגֶע ט' בְּאָב.

אַזוֹי אוֹיךְ הָאט מֶען גֶעזָאגְט אוֹיף רֶבִּי נָתָן נָאךְ פַאלְשֶׁע עֵדוּת, דִי זֶעלְבֶּע צְוֵויי

עֵדוּת הָאבְּן גֶעשְׁוואוּירְן אַז זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען רֶבִּי נָתָן זִיצְן מִיט אַ מֵיידְל, שְׁפֶּעטֶער הָאט מֶען גֶעפְרֶעגְט דִי מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן דָאס מֵעִיד גֶעוֶוען, הֲיִתָּכֵן, ווִי קֶען זַיין אִיר הָאט גֶעשְׁוואוּירְן אוּיף לִיגְנְט, הָאבְּן זֵיי גֶעזָאגְט, מִיר הָאבְּן גֶעזֶען רֶבִּי נָתָן זִיצְן מִיט זַיין אֵיינִיקְל (אַ קִינְד פוּן זַיין טָאכְטֶער חַנָה צִירְל), אַ קְלֵיין מֵיידְל וֶוייניגֶער פוּן אַ יָאר אַלְט, מִיר הָאבְּן נִישְׁט גֶעשְׁוואוּירְן פַאלְש, מִיר הָאבְּן גֶעווּיסְט אַז מֶען וֶועט אוּנְז נִישְׁט פְרֶעגְן אוּיבּ דָאס אִיז גֶעוֶוען אַן אֵיינִיקְל; אַזוֹי אִיז גֶעוָוארְן דִי מַחֲלֹקֶת הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּי'ן; דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן עֶר זָאל פָארְן צוּם הֵיילִיגְן קְדוּשַׁת לֵוִי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּיף שַׁבָּת, וַוייל דֶער חוֹלֵק וָואס הָאט גֶעקְרִיגְט אוּיפְ'ן רֶבִּי'ן אִיז גֶעפָארְן צוּ זַיין אוּיף שַׁבָּת אִין בַּארְדִיטְשׁוּב רֶעדְן לָשׁוֹן הָרָע אוּיפְ'ן רֶבִּי'ן. רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעפָארְן, עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט בַּאווִיזְן בִּיזְ'ן זְמַן כְּנִיסַת הַשַּׁבָּת וַוייל עֶר הָאט גֶעווּיסְט אַז אוּיבּ דֶער הֵיילִיגֶער קְדוּשַׁת לֵוִי וֶועט אִים זֶען וֶועט עֶר אִים בֶּעטְן עֶר זָאל אַוֶועקְפָארְן כְּדֵי עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קֵיין מַחֲלֹקֶת, פְרַייטָאג צוּנַאכְטְס אִיז רֶבִּי נָתָן אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער קְדוּשַׁת לֵוִי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אִים גֶעזֶען הָאט עֶר אִים זֵייעֶר מְכַבֵּד גֶעוֶוען, רֶבִּי נָתָן מִיט זַיין חַבֵר רֶבִּי נַפְתָּלִי הָאבְּן גֶעוַוארְט צוּ זֶען וואוּ דֶער חוֹלֵק וֶועט זִיךְ אַוֶועק זֶעצְן, זֵיי זֶענֶען דָאךְ גֶעקוּמֶען נָאר פַאר דֶעם, עֶר זָאל נִישְׁט קֶענֶען רֶעדְן זַיינֶע שְׁקָרִים אוּיפְ'ן רֶבִּי'ן; זֵיי הָאבְּן גֶעוַוארְט אוּן גֶעוַוארְט בִּיז וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען וואוּ עֶר נֶעמְט זַיין פְּלַאץ, וֶוען עֶר הָאט זִיךְ אַרָאפְּגֶעזֶעצְט הָאט זִיךְ רֶבִּי נָתָן גֶעזֶעצְט נֶעבְּן אִים אוּן רֶבִּי נַפְתָּלִי אַנְטְקֶעגְן אִים (מֶען הָאט שְׁפֶּעטֶער גֶעפְרֶעגְט רֶבִּי נָתָן פַארְוָואס עֶר אִיז גֶעזֶעצְן נֶעבְּן אִים? הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "אִיךְ בִּין גֶעוֶוען גְרֵייט אַז אוּיבּ אִיךְ וֶועל הֶערְן אֵיין וָוארְט רֶעדְן קֶעגְן רֶבִּי'ן וֶועל אִיךְ אִים פַארְשַׁווייגְן"), אַ גַאנְצֶע סְעוּדָה הָאט עֶר נִישְׁט גֶעעֶפְנְט זַיין מוֹיל צוּ רֶעדְן אוּיפְ'ן רֶבִּי'ן.

נָאךְ שַׁבָּת אִיז רֶבִּי נָתָן אַרַיין צוּם הֵיילִיגְן קְדוּשַׁת לֵוִי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, פְרֶעגְט אִים דֶער הֵיילִיגֶער קְדוּשַׁת לֵוִי אוּיבּ עֶס אִיז אֱמֶת אַז דֶער רֶבִּי הֵייסְט זַיינֶע תַּלְמִידִים טְרִינְקֶען בְּרוֹינְפְן אִינְדֶערְפְרִי פַארְ'ן דַאוֶוענֶען כְּדֵי מֶען זָאל קֶענֶען דַאוֶוענֶען מִיט אַ שְׁטַארְקֶע הִתְלַהֲבוּת? הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: "רֶבִּי, אִיר אוּיךְ?! אִיר גְלֵייבְּט דִי אַלֶע לָשׁוֹן הָרָע'ס?" הָאט דֶער הֵיילִיגֶער קְדוּשַׁת לֵוִי גֶעזָאגְט: "נֵיין, נֵיין, אִיךְ גְלֵייבּ נִישְׁט; אִיךְ פְרֶעג נָאר וַוייל יֶענֶער זָאגְט אַזוֹי, אַז דֶער רֶבִּי הֵייסְט טְרִינְקֶען פַארְ'ן דַאוֶוענֶען"; הָאט רֶבִּי נָתָן פַארְשְׁטַאנֶען פַארְוָואס דֶער רֶבִּי הָאט אִים אַהִין גֶעשִׁיקְט

אוֹיף שַׁבָּת, כְּדֵי דֶער חוֹלֵק זָאל נִישְׁט קֶענֶען פַארְקוֹיפְן זַיינֶע שְׁקָרִים אוּן מַאכְן אַ מַחֲלֹקֶה אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן.

אַזוֹי אִיז אִין יֶעדְן דוֹר, אַלֶע מַחֲלֹקֶת אוֹיף צַדִּיקִים אִיז פוּן לָשׁוֹן הָרָע; וֵוייל פַאר דִי וָואס זֶענֶען דָאס מְקַבֵּל, זֵיי נֶעמֶען אָן לָשׁוֹן הָרָע'ס אוֹיף צַדִּיקִים. חַס וְחָלִילָה צוּ טְרַאכְטְן אַז מִיר טַאנְצְן ט' בְּאָב, חַס וְחָלִילָה צוּ זָאגְן אוֹיף בְּרֶסְלֶבְ'עֶ חֲסִידִים אַז מִיר זֶענֶען נִישְׁט מִתְאַבֵּל ט' בְּאָב אַזוֹי וִוי דִי הֲלָכָה אִיז; אַז דוּ וֶועסְט אָנְנֶעמֶען דִי אַלֶע לָשׁוֹן הָרָע'ס וֶועסְטוּ אָפְּלָאזְן דַיין לֶערְנֶען אוּן דוּ וֶועסְט פַארְשֶׁעמֶען צַדִּיקִים, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת לָשׁוֹן הָרָע, סִימָן ח): "עַל יְדֵי לָשׁוֹן הָרָע אֵין לָאָדָם חֵשֶׁק לִלְמֹד", דוּרְךְ לָשׁוֹן הָרָע פַארְלִירְט מֶען דִי חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען, "גַּם מְבַזֶּה אֶת הַצַּדִּיק", אוּן מֶען פַארְשֶׁעמְט צַדִּיקִים; מֶען קֶען מֶער נִישְׁט מְקַבֵּל זַיין פוּן דֶעם צַדִּיק, וַוייל מֶען גְלֵייבְּט דִי לָשׁוֹן הָרָע'ס אוּן אַז מֶען הָאט מֶער נִישְׁט קַיין חִיזּוּק לָאזְט מֶען אָפּ דִי תּוֹרָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן נִישְׁט גְלֵייבְּן קַיין לִיגְנְט אוּן נִישְׁט הֶערְן קַיין לָשׁוֹן הָרָע, וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן גֶערֶעכְנְט וִוי דִי צַדִּיקִים. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם, אוֹת יא): "מִי שֶׁאֵין מְקַבֵּל לָשׁוֹן הָרָע עַל צַדִּיק", וֶוער עֶס נֶעמְט נִישְׁט אָן קַיין לָשׁוֹן הָרָע אוֹיף אַ צַדִּיק, "עַל יְדֵי זֶה יִזְכֶּה לְהִמָּנוֹת עִם הַצַּדִּיקִים", וֶוערְט גֶערֶעכְנְט וִוי אַ צַדִּיק.

...

## וָואס טוּ אִיךְ אַז דִי שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען שְׁטֶערְן מִיר אִין לֶעבְּן?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

וָואס קֶען אִיךְ טוּן? אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר, אוּן אִיךְ בִּין דוּרְכְגֶעפַאלְן אוּן גֶעקוּקְט טְרֵיפָה'נֶע זַאכְן אִין דִי אִינְטֶערְנֶעט, אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אוֹיסְגֶעלַאסֶענֶע אוּן עֶקְלְדִיגֶע ווִידִיאָס. דִי אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעקוּקְט שְׁטֶערְט מִיר זֵייעֶר אִינְמִיטְן דַאוֶוענֶען אוּן אִינְמִיטְן לֶערְנֶען.

אִיךְ קֶען צוּ קֵיינֶעם נִישְׁט רֶעדְן אוּן פְרֶעגְן אַן עֵצָה, וַוייל אִיךְ הֵייס אַן עוֹבֵד הַשֵּׁם בַּיי מַיינֶע חֲבֵרִים אוּן מַגִּידֵי שִׁיעוּרִים, אוּן אוֹיבּ וֶועל אִיךְ זֵיי פְרֶעגְן, וֶועל אִיךְ פַארְלִירְן מַיין גוּטֶע נָאמֶען אוּן מֶען גֵייט שְׁרֵייעֶן אוֹיף מִיר שֶׁגֶץ.

ווי אַזוֹי זָע אִיךְ זִיךְ אַרוֹיס פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן? אוּן ווי אַזוֹי נֶעם אִיךְ אַרוֹיס פוּן מַיין קָאפּ דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, כ׳ טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַוַדַאי קֶענְסְטוּ נִישְׁט דַאוְונֶען אוּן דוּ קֶענְסְט מֶער נִישְׁט לֶערְנֶען; אַז מֶען קוּקְט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן קֶען מֶען נִישְׁט דַאוְונֶען אוּן לֶערְנֶען, מֶען פַארְלִירְט דֶעם טַעַם פוּן דַאוְונֶען. אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק א׳, סִימָן נ): ״כִּי כָּל הַפּוֹגֵם בַּבְּרִית״, ווער עֶס אִיז פּוֹגֵם אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית, ״אֵין יָכוֹל לְהִתְפַּלֵּל״, - דֶער קֶען נִישְׁט דַאוְונֶען, עֶס קוּמְט אַרַיין אִין מַחֲשָׁבָה אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן ווָאס מֶען הָאט גֶעקוּקְט; עֶס הַאלְט אִין אֵיין מְבַלְבֵּל זַיין דִי אַלֶע בִּילְדֶער, מָאווִיס אוּן קְלִיפּס רַחֲמָנָא לִצְלָן, ״וְאֵין יָכוֹל לִטְעֹם מְתִיקוּת בַּתְּפִילָּה, אֶלָּא כְּשֶׁתִּקֵּן פְּגַם הַבְּרִית״, מֶען קֶען נִישְׁט שְׁפִּירְן אַ זִיסְקֵייט אִין דַאוְונֶען נָאר ווען מֶען פַארְרֶעכְט, מֶען טוּט תְּשׁוּבָה.

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר רַחְמָנוּת אוֹיף דִיר אַז דוּ בִּיסְט אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין קוּקְן עֲבֵירוֹת. בְּעֶפָאר דוּ הָאסְט גֶעקוּקְט דִי אַלֶע זַאכְן אִיז דִיר גֶעווען גוּט, הָאסְט גֶעהַאט אַ טַעַם אִין לֶעבְּן, ווייל דֶער ווָאס הִיט דִי אוֹיגְן אוּן קוּקְט נִישְׁט קַיין עֲבֵירוֹת - הָאט זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן, מֶען אִיז אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער חַס וְשָׁלוֹם, אוֹיבּ מֶען אִיז מַפְקִיר דִי אוֹיגְן, מֶען קוּקְט עֲבֵירוֹת - דֶעמָאלְט טוּט זִיךְ אָפּ דִי שְׁכִינָה פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, אַזוֹי ווִי דִי תּוֹרָה זָאגְט (דְּבָרִים כג, טו): ״כִּי ה׳ אֱלֹקֶיךָ מִתְהַלֵּךְ בְּקֶרֶב מַחֲנֶךָ לְהַצִּילְךָ וְלָתֵת אֹיְבֶיךָ לְפָנֶיךָ, וְהָיָה מַחֲנֶיךָ קָדוֹשׁ, וְלֹא יִרְאֶה בְךָ עֶרְוַת דָּבָר, וְשָׁב מֵאַחֲרֶיךָ״, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: ״אִיר זָאלְט זִיךְ פִּירְן הֵיילִיג, ווייל אוֹיבּ אִיר ווֶעט זִיךְ נִישְׁט פִּירְן הֵיילִיג ווֶעל אִיךְ אַוֶועקְגֵיין פוּן אַייךְ״.

בְּנוֹגֵעַ דִי אַלְטֶע זַאכְן ווָאס דוּ הָאסְט שׁוֹין גֶעקוּקְט, דוּ ווִילְסְט אַן עֵצָה ווִי אַזוֹי דָאס אַרוֹיסְצוּנֶעמֶען פוּן קָאפּ; נֶעם דִי עֵצָה ווָאס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן. רֶבִּי נָתָן אִיז אַמָאל אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן, דֶער רֶבִּי אִיז גֶעלֶעגְן אִין בֶּעט אוּן זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: ״דֶער עִיקָר אִיז, מִבֶּטֶן שְׁאוֹל שִׁוַּעְתִּי״; דָאס הֵייסְט, אֲפִילוּ

אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית זָאל עֶר זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין, עֶר זָאל טוּן וָואס יוֹנָה הַנָּבִיא הָאט גֶעטוּן וֶוען עֶר אִיז אַנְטְלָאפְן פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט טוּן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעהֵייסְן אוּן צוּם סוֹף הָאט מֶען אִים אַרַיינְגֶעוָוארְפְן אִין יַם אוּן אַ פִישׁ הָאט אִים אַיינְגֶעשְׁלִינְגֶען, וְוִי אַזוֹי הָאט עֶר זִיךְ אַן עֵצָה גֶעגֶעבְּן? עֶר הָאט דָארְט גֶעשְׁרִיגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן (יוֹנָה ב, ג): "מִבֶּטֶן שְׁאוֹל שִׁוַּעְתִּי".

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר אַ קְלֵיינֶע תְּפִלָּה וָואס דוּ זָאלְסְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג:

"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר, אִיךְ בִּין אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין אַ טִיפֶע בְּלָאטֶע, אִיךְ הָאבּ גֶעקוּקְט עֲבֵירוֹת, אוֹיסְגֶעלַאסֶענֶע בִּילְדֶער, עֶקֶלְדִיגֶע קְלִיפּוֹת אוּן פַּארְדָארְבֶּענֶע מָאוִויס; זַייט אִיךְ הָאבּ דָאס גֶעקוּקְט קֶען אִיךְ מֶער נִישְׁט דַאוֶוענֶען אוּן לֶערְנֶען, עֶס אִיז מַמָּשׁ מְקוּיָם גֶעוָוארְן בַּיי מִיר דִי קְלָלָה פוּן דִי תּוֹכָחָה (דְּבָרִים כח, לד): "וְהָיִיתָ מְשֻׁגָּע מִמַּרְאֵה עֵינֶיךָ אֲשֶׁר תִּרְאֶה", אִיךְ בִּין מַמָּשׁ מְשׁוּגָע, אִיךְ קֶען מֶער נִישְׁט טְרַאכְטְן, אִיךְ טְרַאכְט נָאר פוּן שְׁמוּץ.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן; אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַזוֹי בַּאנַארִישְׁט, אִיךְ הָאבּ דִיר נִישְׁט גֶעפָאלְגְט, אִיךְ בִּין נָאכְגֶעגַאנְגֶען דֶעם יֵצֶר הָרָע, אִיךְ הָאבּ גֶעקוּקְט אַזֶעלְכֶע זַאכְן אַז עֶס אִיז בַּיי מִיר מְקוּיָם גֶעוָוארְן וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוֹטָה ג.): "אֵין אָדָם עוֹבֵר עֲבֵירָה אֶלָּא אִם כֵּן נִכְנַס בּוֹ רוּחַ שְׁטוּת", אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט נִישְׁט נָאר אוֹיבּ עֶס אִיז אִין אִים אַרַיין אַ רוּחַ שְׁטוּת; אִיךְ בִּין אָנְגֶעפִילְט מִיט רוּחַ שְׁטוּת, אִיךְ בִּין אֵיין שְׁטִיק רוּחַ שְׁטוּת; מַיין גַאנְצֶע מֹחַ מַחֲשָׁבָה אִיז פוּן דִי עֶקֶלְדִיגֶע זַאכְן, אִיךְ שְׁפִּיר וְוִי אִיךְ בִּין נִישְׁט בַּעַל הַבַּיִת אוֹיף מִיר, אִיךְ בִּין פַארְשְׁקְלַאפְט פַאר מַיינֶע בְּלָאטֶעס.

אִיךְ הָאבּ נִישְׁט צוּ וֶועם צוּ רֶעדְן; אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט דוּרְכְרֶעדְן מִיט קֵיינֶעם וַוייל אַלֶע מֵיינֶען אַז אִיךְ בִּין אַן עוֹבֵד הַשֵּׁם, אַלֶע מֵיינֶען אַז אִיךְ בִּין אַן אָפְּגֶעהִיטֶענֶער בָּחוּר, אַלֶע זָאגְן אוֹיף מִיר שֵׁיינֶע זַאכְן, אָבֶּער אִיךְ וֵוייס דֶעם רֵיינֶעם אֱמֶת וֶוער אִיךְ בִּין, אִיךְ בִּין אַזוֹי פַארְשְׁמִירְט, אִיךְ בִּין אַזוֹי שְׁמוּצִיג.

אָנָּא הַשֵּׁם! אִיךְ בֶּעט דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל צוּרִיק בַּאקוּמֶען מַיין מֹחַ, אִיךְ זָאל קֶענֶען דַאוְועֶנֶען אוּן לֶערְנֶען; אִיךְ זָאל שׁוֹין אֵיינְמָאל פַאר אַלֶע מָאל אָפְּלָאזְן אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן. אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, דֶער יֵצֶר הָרָע וַוארְפְט מִיר כְּסֵדֶר אַרָאפּ נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל; אָנָּא ה' הוֹשִׁיעָה נָא, אָנָּא ה'

**הַצְלִיחָה נָא".**

אויךְ זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת; לְכַתְּחִילָה זָאלְסְטוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט צוּגֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט): "אֲפִילוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה, עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם רַחֲמָנָא לִצְלָן", אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן קְדוּשָׁה, עֶר טוּט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן אוּן עֶר אִיז שׁוֹין אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, "אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם. וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד", אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג "כַּךְ וְכַךְ", וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע, וַוייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס.

דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף לִימוּד מִשְׁנַיוֹת; מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט, עֶר הָאט מְקוּבָּל פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַז דֶער שִׂיחָה גֵייט אַרוֹיף אוֹיף חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת. אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס אִיז נֶעבֶּעךְ אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין שְׁמוּצִיגֶע מַעֲשִׂים, אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, וֶועט אִים דִי תּוֹרָה אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן זַיינֶע נִישְׁט גוּטֶע מַעֲשִׂים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זָאלְן מִיר עֶפֶענֶען אַ בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ אִין אוּנְזֶער שְׁטָאט?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יִישַׁר כֹּחַ אוֹיף אַלֶעס, בִּפְרַט אוֹיף דִי שִׁיעוּר וָואס אִיז לֶעצְטְנְס גֶעוֶוען אוֹיף הֶפָּצָה. מִיר זֶענֶען אַ חֲבוּרָה בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט וָואס זֶענֶען זִיךְ מְחַזֵּק אִינְאֵיינֶעם אִין אוּנְזֶער גֶעגְנְט, אִין בְּרַכְפֶעלְד, מוֹדִיעִין עִילִית. מִיר קוּמֶען זִיךְ צוּזַאם זִיךְ מְחַזֵּק זַיין אִינְאֵיינֶעם אוּן מִיר פְּרוּבִּירְן צוּ מַאכְן הֶפָּצָה.

לֶעצְטֶע וָואךְ הָאבְּן מִיר גֶעדְרוּקְט הוּנְדֶערְט פוּפְצִיג גִלְיוֹנוֹת אוּן עֶס פַארְשְׁפְּרֵייט, וִוי אוֹיךְ

גייען מיר הֲפָצָה אין די הייזער. און יעדע וואך קומען מיר זיך צוזאם און מען איז זיך מְחַזֵק אינאיינעם מיט'ן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת.

מיר האבן געטראפן א שול פון "הֵיכַל הַקוֹדֶש" ביי אונז אין שטאט וואס זיי זענען מַסְכִּים אריינצונעמען אונזער חֲבוּרָה בְּכָבוֹד גָדוֹל מיר זאלן זיך דארט צוזאמנעמען, ביז יעצט קומען מיר זיך צוזאם ביי איינעם אין שְׁטוּב, איז די שְׁאֵלָה אויב מיר זאלן ענדערש גיין אין שול, אדער אֶפְשָׁר אין שְׁטוּב וועט זיין גרינגער פאר געוויסע מענטשן צו קענען קומען אומגעשטערט?

מיר האפן אז דער ראש ישיבה שליט"א וועט אונז ענטפערן, און מיר וועלן זיך פרייען אויב דער ראש ישיבה שליט"א וועט אונז שרייבן דִּבְרֵי חִיזוּק פאר אונזער חֲבוּרָה.

א גרויסן יִישַׁר כֹּחַ

חֲבוּרַת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ מוֹדִיעִין עִילִית שְׁכוּנַת בְּרַכְפֶלְד

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, כ' טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ מוֹדִיעִין עִילִית, שְׁכוּנַת בְּרַכְפֶלְד, שֶׁיִחְיוּ**

איך האב ערהאלטן אייער בְּרִיו.

אויב איר האט א מעגליכקייט צו עפענען א בֵּית הַמִדְרָשׁ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ בְּרֶסְלֶב - זאלט איר זיכער עפענען א בֵּית הַמִדְרָשׁ; דאס איז נישט קיין סְתִירָה צו וואס מען טוט ביז יעצט. מען קען זיך ווייטער צאמנעמען פְּרִיוואט אין א שטוב עס זאל זיין גרינג פאר די אֲנוּסִים וְכוּ', די וואס שעמען זיך פון חֲבֵרִים און באקאנטע, מען זאל נישט וויסן אז זיי דרייען זיך אין בְּרֶסְלֶב וְכוּ', און אין די זעלבע צייט זאלט איר גיין בִּגְדְלוּת, עפענען א 'בֵּית הַמִדְרָשׁ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב מוֹדִיעִין עִילִית, בְּרַכְפֶלְד'.

אבער וויסן זאלט איר, אז מען עפנט א בֵּית הַמִדְרָשׁ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב דארפט איר וויסן צוויי זאכן, הַדָבָר הָרִאשׁוֹן - דער בֵּית הַמִדְרָשׁ דארף זיך פירן מיט א שטארקע דֶרֶךְ אֶרֶץ; מוֹהֲרַנַ"שׁ האט זייער מַקְפִּיד געווען אז אלע שולן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ זאלן זיין מיט'ן גרעסטן מָאס דֶרֶךְ אֶרֶץ.

מוֹהֲרַנַ"שׁ האט געהאט ביידע כֹּחוֹת; ווען עס איז געקומען צו מְקָרֵב זיין א איד - האט ער נישט געקוקט ווער דאס איז, וואס דאס איז; ער האט צו יעדן איינעם גערעדט און מְקָרֵב געווען צום אייבערשטן מיט די גרעסטע רַחֲמָנוּת, אבער ווען עס איז געקומען צום בֵּית הַמִדְרָשׁ דארט האט מען געמוזט זיין זייער

דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג.

מוֹהֲרָא"ש הָאט זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן אַרָאפְּצוּנֶעמֶען דֶעם שְׁלֶעכְטְן נָאמֶען וָואס אִיז דָא אוֹיף בְּרֶסְלֶב; וֶוען עֶס אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אֵיינֶער וָואס הָאט אוֹיסְגֶעזֶען אִינְטֶערֶעסַאנְט, מוֹהֲרָא"ש הָאט דָאס גֶערוּפְן 'מְשׁוּנֶה קֶרֶן', - הָאט מוֹהֲרָא"ש גֶעהֵייסְן מֶען זָאל אִים פַארְטְרַייבְּן, אַז מֶענְטְשְׁן זָאלְן נִישְׁט נָאכְדֶעם זָאגְן: "בְּרֶסְלֶבְ'עֶ מְשׁוּגָעִים". יָארְן לַאנְג הָאט מוֹהֲרָא"ש גֶעאַרְבֶּעט אַרָאפְּצוּנֶעמֶען דֶעם שְׁלֶעכְטְן נָאמֶען וָואס אִיז דָא אוֹיף בְּרֶסְלֶב; מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעהַאלְטְן אִין אֵיין רֶעדְן אוּן שְׁרַייבְּן קֶעגְן דִי 'נַ נַחְ'ס' אַז מֶען זָאל וִויסְן 'דָאס אִיז נִישְׁט בְּרֶסְלֶב', דָאס אִיז בְּלוֹיז אַ דִמְיוֹן וָואס אֵיינֶער הָאט אוֹיפְגֶעטְרַאכְט אַז עֶר הָאט בַּאקוּמֶען אַ צֶעטְל פוּן הִימְל, אַ מַעֲשֶׂה וָואס אִיז נִישְׁט גֶעשְׁטוּיגְן אוּן נִישְׁט גֶעפְלוֹיגְן; פַארְוָואס הָאט מוֹהֲרָא"ש אַזוֹיפִיל גֶערֶעדְט פוּן דֶעם? ווייל עֶר הָאט גֶעוָואלְט אַרָאפְּנֶעמֶען דִי שְׁלֶעכְטֶע נָאמֶען, וָואס זֵיי הָאבְּן גוֹרֵם גֶעוֶוען אַז דֶער רֶבִּי אִיז הַיינְט פַארְשֶׁעמְט; קֵיינֶער וִויל נִישְׁט זַיין זוּן זָאל זִיךְ דְרֵייעֶן בַּיי אַ פְּלַאץ פוּן מְשׁוּגָעִים, אוּן דָאס אִיז גוֹרֵם אַזוֹיפִיל מַחֲלֹקֶת אוֹיפְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

דֶערְפַאר אַז אִיר גְרֵייט זִיךְ צוּ עֶפֶענֶען אַ בֵּית הַמֶדְרָשׁ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ דַארְפְט אִיר זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז דֶער בֵּית הַמֶדְרָשׁ זָאל זִיךְ פִירְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ; עֶס דַארְף זַיין אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ אַ מִשְׁמַעַת (דִיסְצִיפְּלִין), מֶען מוּז פָאלְגְן, מֶען קֶען נִישְׁט טוּן אִישׁ כָּל הַיָּשָׁר בְּעֵינָיו יַעֲשֶׂה. מֶען דַאוֶוענְט אַזוֹי וִוי מֶען דַאוֶוענְט אִין אַלֶע עֶרְלִיכֶע שׁוּלְ'ן, נִישְׁט מִיט קַיין נֵייעֶ מִנְהָגִים פוּן זִינְגֶען יֶעדֶע שְׁטִיקְל; דִי בַּעֲלֵי תְּפִילוֹת זָאלְן זַיין אִינְגֶעלַייט וָואס דַאוֶוענֶען וַוארֶעם; שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי פִירְט מֶען זִיךְ נָאכְן דַאוֶוענֶען בַּיים קִידוּשׁ אַז מֶען לֶערְנְט סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, אוּן בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת זִינְגְט מֶען זְמִירוֹת אוּן מֶען אִיז זִיךְ מְחַזֵק מִיטְ'ן רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער.

דִי צְוֵייטֶע זַאךְ וָואס אִיר דַארְפְט וִויסְן, אוֹיבּ אִיר עֶפְנְט אַ בֵּית הַמֶדְרָשׁ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ וֶועט דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם אוֹיךְ אַהִין קוּמֶען, עֶר וֶועט זוּכְן צוּ מַאכְן אַ פִּירוּד לְבָבוֹת צְווִישְׁן אַייךְ. ווייל דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם קֶען נִישְׁט סוֹבֵל זַיין אַ פְּלַאץ וָואס מֶען פַארְשְׁפְּרֵייט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער, וָואס טוּט עֶר? זַיין זַאךְ אִיז 'הַפְרֵד וּמְשׁוֹל', וֶוען עֶר וִויל צֶעבְּרֶעכְן אַ פְּלַאץ; אַ קְהִלָּה, אַ מוֹסָד אָדֶער אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ, מַאכְט עֶר עֶס זָאל זַיין מַחֲלֹקֶת אוּן פַיינְטְשַׁאפְט, בִּיז עֶס וֶוערְט אוֹיס פוּנֶעם פְּלַאץ; דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוּן וִויסְן אַז עֶס אִיז נִישְׁט וֶוערְד דָאס עֶפֶענֶען דֶעם בֵּית הַמֶדְרָשׁ נָאר אוֹיבּ עֶס וֶועט זַיין שָׁלוֹם צְווִישְׁן אַייךְ.

אַז אִיר וֶועט שְׁטֵיין אוֹיףְ דִי צְוֵויי זַאכְן וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט בַּיים לֶעצְטְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וֶוען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן גֶעקְרֶעכְצְט אוּן גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן: "אוֹיףְ וֶועם לָאזְט אוּנְז דֶער רֶבִּי אִיבֶּער?" הָאט דֶער רֶבִּי גֶעעֶנְטְפֶערְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן ריח): "רַק אַתֶּם תַּחֲזִיקוּ עַצְמְכֶם בְּיַחַד, אָז תִּהְיוּ אֲנָשִׁים כְּשֵׁרִים", אוֹיבּ אִיר וֶועט זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען, וֶועט אִיר זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן, "וְלֹא כְּשֵׁרִים בִּלְבַד, אֶלָּא אֲפִילוּ צַדִּיקִים וְטוֹבִים תִּהְיוּ", נִישְׁט סְתַּם עֶרְלִיכֶע אִידְן, נָאר גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אִיז מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעוֶוען קֶעגְן דֶעם סֵפֶר מוֹרֶה נְבוֹכִים?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ ווִיל פְרֶעגְן אוֹיבּ מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז גֶעוֶוען קֶעגְן דֶעם סֵפֶר מוֹרֶה נְבוֹכִים.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, כ' טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז זֵייעֶר אָנְגֶעזָאגְט מִיר זָאלְן נִישְׁט לֶערְנֶען דֶעם סֵפֶר מוֹרֶה נְבוֹכִים אוּן אוֹיךְ דֶער אָנְהֵייבּ פוּן סֵפֶר יָד הַחֲזָקָה וואוּ דֶער רַמְבַּ"ם רֶעדְט בְּאוֹפֶן חֲקִירוֹת (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תז); דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט מִיר זָאלְן דָאס לֶערְנֶען ווַייל עֶס אִיז זֵייעֶר טִיפֶע סְבָרוֹת - עָמוֹק עָמוֹק מִי יִמְצָאֶנּוּ, מֶען וֶועט נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דִי תֵּירוּצִים נָאר בְּלַייבְּן מִיט דִי קַשְׁיוֹת, עֶס קֶען זַיין מֶען וֶועט וֶוערְן אַן אַפִּיקוֹרֶס אוּן לֵייקֶענֶען אִין אַלֶעס רַחֲמָנָא לִצְּלָן (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן כד).

דָאס אִיז נִישְׁט קַיין בְּרֶסְלֶבְ'עֶ זַאךְ, נִישְׁט נָאר דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט מֶען זָאל נִישְׁט לֶערְנֶען דֶעם סֵפֶר מוֹרֶה נְבוֹכִים, אַסַאךְ צַדִּיקִים הָאבְּן זֵייעֶר מַזְהִיר גֶעוֶוען מֶען זָאל נִישְׁט לֶערְנֶען דֶעם סֵפֶר מוֹרֶה נְבוֹכִים אוּן אִין אַלֶע פְּלֶעצֶער וואוּ דֶער

רַמְבַּ"ם גֵייט בְּאוֹפֶן שֶׁל חֲקִירוֹת, וַוייל מִיר הָאבְּן קְלֵיינֶע מֹחוֹת, מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט אַלֶעס, מִיר וֶועלְן בְּלַייבְּן מִיט דִי קַשְׁיוֹת אוּן אַרַיינְפַאלְן גְרִינְגֶערְהֵייט אִין כְּפִירוֹת וְאַפִּיקוֹרְסוּת.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט מִיט אוּנְז מִיר זָאלְן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, מִיר זָאלְן נִישְׁט נָאכְגֵיין אוּנְזֶער שֵׂכֶל וַוייל אוֹיב מֶען גֵייט נָאךְ דֶעם שֵׂכֶל קֶען מֶען פַארְקְרִיכְן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן יב): "כְּשֶׁאָדָם הוֹלֵךְ אַחַר שִׂכְלוֹ וְחָכְמָתוֹ, יוּכַל לִפֹּל בְּטָעוּתִים וּמִכְשׁוֹלוֹת רַבִּים, וְלָבוֹא לִידֵי רָעוֹת גְּדוֹלוֹת, חַס וְשָׁלוֹם", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט נָאךְ זַיין שֵׂכֶל אוּן זַיין חָכְמָה קֶען עֶר צוּקוּמֶען צוּ מַאכְן גְרוֹיסֶע טָעוּתִים אוּן צוּ גְרוֹיסֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, "וְיֵשׁ שֶׁקִּלְקְלוּ הַרְבֵּה, כְּגוֹן הָרְשָׁעִים הַגְּדוֹלִים מְאֹד הַמְפֻרְסָמִים, שֶׁהִטְעוּ אֶת הָעוֹלָם וְהַכֹּל הָיָה עַל יְדֵי חָכְמָתָם וְשִׂכְלָם", עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען גְרוֹיסֶע רְשָׁעִים וָואס הָאבְּן פַארְדָרֵייְדט דִי וֶועלְט אוּן אַלֶעס הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן וַוייל זֵיי זֶענֶען נָאכְגֶעגַאנְגֶען נָאךְ זֵייעֶרֶע חָכְמוֹת; דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט וַוייטֶער: "וְעִקַּר הַיַּהֲדוּת הוּא, רַק לֵילֵךְ בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת, וּלְהִסְתַּכֵּל בְּכָל דָּבָר שֶׁעוֹשֶׂה שֶׁיִּהְיֶה שָׁם הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", דֶער עִיקָר פוּן אִידִישְׁקֵייט אִיז, מֶען זָאל פָאלְגְן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת אוּן פַאר מֶען טוּט אַ זַאךְ זָאל מֶען קוּקְן צִי דָאס אִיז דֶער רָצוֹן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

עֶס אִיז כְּדַאי דוּ זָאלְסְט נָאכְקוּקְן וָואס דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמַאר רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בְּרֶענְגְט אִין סֵפֶר וַיּוֹאֶל מֹשֶׁה (מַאֲמַר יִשּׁוּב אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, סִימָן קנ): דִי מַעֲשֶׂה וָואס דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ קֶענִיג וָואס אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיט זַיינֶע שָׂרִים פַאנְגֶען חַיּוֹת, עֶר אִיז גֶעוֶוען אָנְגֶעטוּן וִוי אַ פָּשׁוּט'עֶר דָארְפְסְמַאן, פְּלוּצְלוּנְג הָאט זִיךְ אַרָאפְּגֶעלָאזְט אַ שְׁטַארְקֶע רֶעגְן, אַלֶע שָׂרִים זֶענֶען זִיךְ צֶעלָאפְן אוּן זֵיי הָאבְּן אִיבֶּערְגֶעלָאזְט דֶעם קֶענִיג אַלֵיין, דֶער קֶענִיג אִיז גֶעוֶוען אִין אַ גְרוֹיסֶער סַכָּנָה אוּן עֶר הָאט גֶעזוּכְט אַ פְּלַאץ וואוּ עֶר קֶען זִיךְ בַּאשִׁיצְן, בִּיז עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן אַ הוֹיז וואוּ עֶס הָאט גֶעווֹאוֹינְט אַ פָּשׁוּט'עֶר דָארְפְסְמַאן, דֶער דָארְפְסְמַאן הָאט אַרַיינְגֶענוּמֶען דֶעם קֶענִיג, עֶר הָאט אָנְגֶעטוּן דֶעם קֶענִיג פְרִישֶׁע קְלֵיידֶער אוּן אִים גֶעגֶעבְּן צוּ עֶסְן אַבִּיסְל גְרִיז אוּן אִים גֶעלֵייגְט שְׁלָאפְן נֶעבְּן דֶעם אוֹיבְן וְכוּ'. דֶער קֶענִיג אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר מִיד אוּן פַארְמַאטֶערְט אוּן עֶר הָאט זִיךְ אַזוֹי מְחַיֶּה גֶעוֶוען מִיט דֶעם בֶּעט וָואס דֶער דָארְפְסְמַאן הָאט אִים צוּגֶעשְׁטֶעלְט, אַז מַמָּשׁ עֶר הָאט נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעשְׁפִּירְט אַזַא גֶעשְׁמַאק וִוי עֶר הָאט דָארְט גֶעהַאט בַּיי דֶעם

פָּשׁוּטְ׳ן דָארְפְסְמַאן.

שְׁפֶּעטֶער וֶוען עֶס הָאט אוֹיפְגֶעהֶערְט רֶעגֶענֶען זֶענֶען אַלֶע שָׂרֵי הַמְּלוּכָה גֶעקוּמֶען זוּכְן דֶעם קֶענִיג, בִּיז זֵיי הָאבְּן אִים גֶעטְרָאפְן שְׁלָאפְן בַּיים דָארְפְסְמַאן אִין שְׁטוּב. וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט אַהֵיים נֶעמֶען דֶעם קֶענִיג הָאט זֵיי דֶער קֶענִיג גֶעזָאגְט: ״וֶוען עֶס הָאט גֶערֶעגְנְט הָאט אִיר נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף מִיר, יֶעדֶער פוּן אַייך אִיז גֶעלָאפְן זוּכְן שׁוּץ פַאר זִיךְ אַלֵיין אוּן אִיךְ בִּין גֶעבְּלִיבְּן אַלֵיין, נָאר דֶער דָארְפְסְמַאן הָאט מִיר אַרַיינְגֶענוּמֶען צוּ זִיךְ אִין שְׁטוּב אוּן מִיךְ גֶערַאטֶעוֶועט, וֶועט עֶר מִיר אַהֵיים טְרָאגְן צוּם פַּאלַאץ אוּן עֶר וֶועט מִיר אָנְטוּן מַיין קְרוֹין״, הָאט דֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעפִירְט: ״פַאר מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט זַיין אַ מַבּוּל פוּן אַפִּיקוֹרְסוּת; נִישְׁט אַ מַבּוּל פוּן וַואסֶער אוּן נִישְׁט אַ מַבּוּל פוּן פַייעֶר, נָאר אַ מַבּוּל פוּן שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת, עֶס וֶועט אַרַיין שְׁפְּרִיצְן אֲפִילוּ אִין דִי כָּשֵׁר׳עֶ הֶערְצֶער אוּן מִיט חָכְמוֹת וֶועט מֶען זִיךְ נִישְׁט קֶענֶען אַן עֵצָה גֶעבְּן, נָאר דִי פָּשׁוּטְ׳עֶ אִידְן וָואס זָאגְן תְּהִלִּים מִיט תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, זֵיי וֶועלְן זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אוּן זֵיי וֶועלְן אָנְטוּן דֶעם קְרוֹין פַאר מָשִׁיחַ (פְּעוּלַּת הַצַּדִּיק, סִימָן תתלד; עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן לה, רכ)״, עֶר פִירְט אוֹיס אִין וַיּוֹאֶל מֹשֶׁה בְּזֶה הַלָּשׁוֹן: ״וְזֶה עִנְיָן שֶׁל רוּחַ הַקּוֹדֶשׁ, שֶׁרָאָה מָה הִגִּיעַ אֵלֵינוּ בְּעִיקְּבָא דִּמְשִׁיחָא״.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וָואס טוּט מֶען מִיט אַ קְלֵיין קִינְד וָואס רֶעדְט נִישְׁט גֶעהֶערִיג?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מִיר דַארְפְן אַן עֵצָה אוּן אַ בְּרָכָה פַאר אוּנְזֶער דְרֵיי יֶערִיג קִינְד, עֶר זָאל קֶענֶען רֶעדְן גֶעהֶערִיג. עֶר קֶען בָּרוּךְ הַשֵּׁם זָאגְן וֶוערְטֶער, אָבֶּער עֶר קֶען נִישְׁט צוּזַאמְשְׁטֶעלְן זַאצְן.

מִיר ווִילְן אִים יֶעצְט נֶעמֶען צוּ אֵיינֶעם וָואס קֶען הֶעלְפְן קִינְדֶער מִיט דִי פְּרָאבְּלֶעמֶען אוּן מִיר דַארְפְן אַ בְּרָכָה אוּן אַן עֵצָה ווִי אַזוֹי צוּ גֵיין וַוייטֶער מִיט דֶעם.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, כ׳ טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... שֶׁיִּחְיוּ**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

גֶעבְּט אַכְטוּנְג נִישְׁט אַרַיינְצוּגֵיין אִין אַ לַחַץ אוּן זִיכֶער נִישְׁט לֵייגְן לַחַץ אוֹיפְ׳ן קִינְד; צוּבִּיסְלֶעךְ וֶועט עֶר רֶעדְן בֶּעסֶער אוּן בֶּעסֶער, דֶער עִיקָר זָאלְט אִיר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט הָאבְּן קַיין פְּרֶעשׁוּר פוּן דֶעם.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם וֶועט אִיר זֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים. מִיר גֶעפוּנֶען אִין דִי תּוֹרָה, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט גֵיין צוּ פַּרְעֹה וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט גוּט רֶעדְן, הָאט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט (שְׁמוֹת ד, יא): ״מִי שָׂם פֶּה לָאָדָם״, וֶוער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי מוֹיל צוּ רֶעדְן? ״אוֹ מִי יָשׂוּם אִלֵּם אוֹ חֵרֵשׁ אוֹ פִקֵּחַ אוֹ עִוֵּר״, וֶוער מַאכְט דֶעם מֶענְטְשׁ שְׁטוּם אָדֶער טוֹיבּ אָדֶער בְּלִינְד? ״הֲלֹא אָנֹכִי ה׳״, נָאר אִיךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער; אַז אִיר וֶועט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועט אִיר זֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים.

פַארְלִירְט אַייךְ נִישְׁט, בְּרֶענְגְט אַרַיין שִׂמְחָה אִין שְׁטוּבּ; טַאנְצְט אוּן שְׁפְּרִינְגְט מִיט דִי קִינְדֶער, דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט אִיר זֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

### דוּ קֶענְסְט אוֹיךְ וֶוערְן הַיינְט בַּר מִצְוָה

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיְחִי, י״ד טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מָה אָשִׁיב לַה׳, כָּל תַּגְמוּלוֹהִי עָלָי! גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מַיין זוּן הַבָּחוּר שִׁמְעוֹן נֵרוֹ יָאִיר אִיז הַיינְט אַרַיין לְעוֹל הַתּוֹרָה וְהַמִּצְוֹת.

אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען מִיט אִים אָנְטוּן תְּפִילִין בַּיי מַיין זֵיידֶע, דֶער קַארְלְסְבּוּרְגֶער רָבּ שְׁלִיטָ״א; אַזוֹי וִוי מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט (קוּנְטְרֵס בַּר מִצְוָה, אוֹת ז): ״וְנוֹהֲגִים חֲסִידִים וְאַנְשֵׁי מַעֲשֶׂה״, מֶען פִירְט זִיךְ בַּיי חֲסִידִים, ״שֶׁלּוֹקְחִים אֶת בֶּן הַבַּר מִצְוָה״, אַז מֶען נֶעמְט דֶעם בַּר מִצְוָה בָּחוּר, ״בְּיוֹם שֶׁמַּתְחִיל לְהָנִיחַ תְּפִילִין״, אִינֶעם טָאג וָואס עֶר הֵייבְּט אָן לֵייגְן תְּפִילִין, ״אֶל אֵיזֶה צַדִּיק קָדוֹשׁ וִירֵא שָׁמַיִם״, צוּ אַ צַדִּיק, ״שֶׁהוּא יַנִּיחַ לוֹ אֶת הַתְּפִלִּין בְּפַעַם הָרִאשׁוֹנָה״, עֶר זָאל אִים אָנְטוּן תְּפִילִין דֶעם עֶרְשְׁטְן מָאל אִין לֶעבְּן, ״כְּדֵי שֶׁיַּשְׁפִּיעַ מִקְּדֻשָּׁתוֹ וּמֵרוּחוֹ עַל חֲתַן הַבַּר מִצְוָה״, עֶס זָאל מַשְׁפִּיעַ זַיין פוּן זַיין קְדוּשָּׁה אוֹיפְ׳ן בָּחוּר.

אִיךְ בִּין הַיינְט אַ בַּעַל שִׂמְחָה שְׁרַייבּ אִיךְ דִיר אַפָּאר וֶוערְטֶער לְכָבוֹד דִי שִׂמְחָה. אִיךְ וִויל דוּ זָאלְסְט אוֹיךְ וֶוערְן הַיינְט בַּר מִצְוָה; אַז דוּ וֶועסְט הַיינְט אָנְהֵייבְּן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה וֶועט הַיינְט זַיין דַיין בַּר מִצְוָה. פְּרוּבִּיר אוֹיס דָאס זִיסְקֵייט פוּן דִי תּוֹרָה, פְּרוּבִּיר אוֹיס דִי סַם הַחַיִּים, דִי לֶעבְּנְס מֶעדֶעצִין – דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

אִיךְ וֵוייס אַז דַיין קָאפּ אִיז נִישְׁט בַּיי דִיר, פוּן אַזוֹיפִיל עַגְמַת נֶפֶשׁ וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער קֶענְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט צַאמְנֶעמֶען וְכוּ׳ וְכוּ׳; דָאךְ אִיז דָא דִי וֶועג פוּן

רֶבִּי'ן, דֶער סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד פוּן רֶבִּי'ן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), מִיט דֶעם וֶועסְטוּ מַצְלִיחַ זַיין.

פְּרוּבִּיר דָאס אוֹיס. נֶעם אַ גְּמָרָא, נֶעם אַ מִשְׁנַיוֹת אוּן לֶערְן אָן פַּארְשְׁטֵיין, בִּפְרַט גְּמָרָא; וֶוען מֶען לֶערְנְט גְּמָרָא - פַּארְשְׁנַיידְט מֶען אַלֶע קְלִיפּוֹת. חֲכָמֵינוּ הַקְּדוֹשִׁים זָאגְן (שַׁבָּת קו:): "גְּמָרָא גְּמוֹר זְמוּרְתָּא תְּהֵא"; טַייטְשְׁן דִי צַדִּיקִים "גְּמָרָא גְּמוֹר" - אוֹיב דוּ לֶערְנְסְט גְּמָרָא, דֶעמָאלְט "זְמוּרְתָּא תְּהֵא" - וֶועסְטוּ פַּארְשְׁנַיידְן אַלֶע קְלִיפּוֹת וָואס נֶעמֶען אַרוּם דִי נְשָׁמָה הַקְּדוֹשָׁה. וַוייל "זְמוּרְתָּא תְּהֵא" אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן "לְזַמֵּר אֶת כָּל הֶעָרִיצִים וּלְהַכְרִית אֶת כָּל הַקּוֹצִים הַסּוֹבְבִים אֶת הַשּׁוֹשַׁנָּה הָעֶלְיוֹנָה", וָואס דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל; אוּן וֶוען מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה וֶוערְן אַלֶע קְלִיפּוֹת פַּארְבְּרֶענְט.

מָארְגְן נַאכְט וֶועט זַיין אַ צַאמְקוּם פַאר דִי פְּרוֹיעֶן, דִי פְּרוֹיעֶן קוּמֶען זִיךְ צַאם זִיךְ מְחַזֵּק זַיין מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן; זֶע צוּ בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּב אַז דַיין וַוייבּ זָאל קֶענֶען קוּמֶען שֶׁעפְּן פְרִישֶׁע כֹּחוֹת, זִי זָאל קֶענֶען וַוייטֶער פִירְן דִי שְׁטוּב.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וֶוער אִיז טַאקֶע בְּרֶסְלֶב?!

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ג' פָּרָשַׁת וַיְחִי, ט"ו טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מִישׁ זִיךְ נִישְׁט אִין פָּאלִיטִיק; בִּפְרַט זַאכְן וָואס אִיז נוֹגֵעַ מִיט מִיר - בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר נֶעם זִיךְ נִישְׁט אָן פַאר מִיר אוּן קְרִיג זִיךְ נִישְׁט פַאר מִיר. שְׁטֵיי וַוייט פוּן מַחֲלֹקֶת אוּן קְרִיגֶערַייעֶן, עֶס הֶעלְפְט גָארְנִישְׁט, עֶס מַאכְט נָאר עֶרְגֶער; וַוייל פוּן מַחֲלֹקֶת קוּמְט נִישְׁט אַרוֹיס קַיין גוּטְס.

אַז דוּ ווִילְסְט מִיר הֶעלְפְן, דוּ שְׁפִּירְסְט אַז דוּ דַארְפְסְט עֶפֶּעס טוּן; זִיךְ אָנְנֶעמֶען וְכוּ' - זָאלְסְטוּ נֶעמֶען אַ מִשְׁנַיוֹת, אַ גְּמָרָא אוּן זָאגְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אוּן דַפִּים גְּמָרָא, מִיט'ן נֶעמֶען אַ סֵפֶר אִין דִי הַאנְט בִּיסְטוּ יוֹצֵא דֶער עִנְיָן פוּן זִיךְ אָנְ-נֶעמֶען, אוּן אַז דוּ וֶועסְט אָנְנֶעמֶען וָואס אִיךְ זָאג אוּן שְׁרַייבּ דִיר - מִיט דֶעם בִּיסְטוּ מְקַיֵּים דָאס זִיךְ אָנְנֶעמֶען פַאר מִיר.

בְּרוּדֶער, אַנְטְלוֹיף פוּן אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן; נָאר תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה אִיז תַּכְלִית גֶעוֶּערְט, אַלֶעס אַנְדֶערְשׁ אִיז בִּיטוּל הַזְּמַן, אַ שָׁאד דִי צַייט; בִּפְרַט זִיךְ טַעֲנָה'ן, פְּרוּבִּירְן אוֹיפְוַוייזְן אַ צְוֵוייטְן - אִיז אַ נַארִישְׁקֵייט, יֶענֶער ווִיל דָאךְ נִישְׁט הֶערְן דֶעם אֱמֶת, יֶענֶער ווִיל נָאר אוֹיסְפִּירְן, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קכב): "כִּי זֶה יָדוּעַ, שֶׁמִּדַּת הַנִּצָּחוֹן אֵינָהּ סוֹבֶלֶת הָאֱמֶת", דָאס אִיז בַּאוואוּסְט, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ ווִיל אוֹיסְפִירְן וֶועט עֶר קֵיינְמָאל נִישְׁט מוֹדֶה זַיין אוֹיפְ'ן אֱמֶת, "כִּי אַף אִם יֵרָאֶה לָעֵינַיִם דְּבַר אֱמֶת, יִדְחֶה אוֹתוֹ מֵחֲמַת הַנִּצָּחוֹן", אוּן אֲפִילוּ מֶען וֶועט אִים אוֹיפְוַוייזְן בְּפֵירוּשׁ מִיט קְלָארֶע בַּאוַוייזְן אַז עֶר אִיז נִישְׁט גֶערֶעכְט - וֶועט עֶר אוֹיךְ נִישְׁט מוֹדֶה זַיין אוֹיפְ'ן אֱמֶת, וַוייל עֶר ווִיל אוֹיסְפִירְן; אִיז דָאךְ אַ שָׁאד זִיךְ צוּ טַעֲנָה'ן אוּן זִיךְ קְרִיגְן מִיט אַ צְוֵוייטְן.

וֶוער אִיז בְּרֶסְלֶב? וֶוער אִיז טַאקֶע בְּרֶסְלֶב?! וֶוער זָאגְט מִיר אִיךְ בִּין בְּרֶסְלֶב? אֶפְשָׁר נַאר אִיךְ זִיךְ? דֶער תֵּירוּץ אִיז זֵייעֶר פָּשׁוּט, דֶער וָואס לֶערְנְט דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים - דֶער אִיז בְּרֶסְלֶב. דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אִיבֶּערְגֶעלָאזְט פִינְף סְפָרִים: לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת אוּן סֵפֶר הַמִּידּוֹת; דֶער וָואס לֶערְנְט דִי סְפָרִים - דֶער אִיז מְקוּשָּׁר צוּם רֶבִּי'ן, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קצב): "פָּנָיו שִׂכְלוֹ וְנִשְׁמָתוֹ נִמְצָאִים בְּתוֹךְ סִפְרוֹ", דִי פָּנִים, שֵׂכֶל אוּן נְשָׁמָה פוּנֶעם צַדִּיק גֶעפוּנְט זִיךְ אִין זַיינֶע סְפָרִים; דֶער וָואס לֶערְנְט דִי סְפָרִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן - דֶער אִיז אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד אוּן דֶער וָואס לֶערְנְט נִישְׁט דִי סְפָרִים הָאט נִישְׁט קַיין שַׁיְיכוּת מִיטְ'ן רֶבִּי'ן.

אַנְשְׁטָאט רֶעדְן מִיט דֶעם אוּן יֶענֶעם, זוּכְן צַייטְוֵוייליִגֶע נִצְחוֹנוֹת, זוּכְן יֶענֶעם צוּ עֶנְטְפֶערְן - נֶעם אַ לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן אוּן הֵייבּ אָן לֶערְנֶען כְּסִדְרָן; פַארְשְׁטֵייסְט יָא, פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט - דָאס זָאל דִיר נִישְׁט שְׁטֶערְן פוּן לֶערְנֶען כְּסִדְרָן, דֶער רֶבִּי וֶועט דִיר עֶפְּעֶנֶען דַיין הַארְץ, דֶער רֶבִּי וֶועט דִיר עֶפֶּעֶנֶען דַיין קָאפּ, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שמט): "שֶׁיְּכוֹלִין לִהְיוֹת נַעֲשֶׂה בַּעַל תְּשׁוּבָה גָּמוּר עַל יְדֵי לִמּוּד הַסֵּפֶר שֶׁלּוֹ", מֶען קֶען וֶוערְן אַן אֱמֶת'עֶר בַּעַל תְּשׁוּבָה אַז מֶען לֶערְנְט זַיין סֵפֶר לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, "וְאָמַר, שֶׁמִּי שֶׁיֵּשֵׁב וְיַעֲסֹק בִּסְפָרָיו רַק בְּלִי קִנְטוּר וְנִצָּחוֹן, וְיִסְתַּכֵּל בּוֹ בֶּאֱמֶת, אָז בְּוַדַּאי יִהְיוּ נִבְקָעִין אֶצְלוֹ כָּל גִּידֵי קַשְׁיוּת לְבָבוֹ", וְאָמַר בְּזוֹ הַלָּשׁוֹן: "סֶע וֶועט אִים אַלֶע אָדֶערְן טְרֶענֶען", אוּן וֶוער עֶס וֶועט לֶערְנֶען זַיין סֵפֶר מִיט אַן אֱמֶת, וֶועט זִיךְ אִים עֶפֶּענֶען אַלֶע פַארְשְׁטָאפְּטֶע אָדֶערְן אוּן עֶר וֶועט וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד; מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר צוּ לֶערְנֶען לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן וֶועסְטוּ זַיין מְקוּשָּׁר

צוּם רֶבִּי׳ן.

אִיךְ בֶּעט דִיר נָאכְאַמָאל, נֶעם נִישְׁט קֵיין טֵייל אִין קֵיין מַחֲלֹקֶת; פַּאר מִיר זָאלְסְטוּ זִיךְ זִיכֶער נִישְׁט קְרִיגְן, אַנְשְׁטָאט זִיךְ אָנְנֶעמֶען פַאר מִיר, זָאלְסְטוּ אָנְנֶעמֶען וָואס אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**דֶרֶךְ אֶרֶץ הֵייבְּט זִיךְ אָן אִין שְׁטוּבּ מִיט טַאטֶע מַאמֶע**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פָּרְשַׁת וַיְחִי, ט״ז טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד דִי תַּלְמִידוֹת בֵּית פֵיגָא ווילְיַאמְסְבּוּרְג אוּן תַּלְמִידוֹת בֵּית פֵיגָא לִיבֶּערְטִי שֶׁתִּחְיוּ**

אִיךְ בִּין זֵייעֶר צוּפְרִידְן צוּ הֶערְן פוּן דִי מְנַהֶלֶת אוּן דִי לֶערֶערִינְס גוּטֶע גְרִיסְן פוּן אַייךְ, בְּעִיקָר פוּן דִי דֶרֶךְ אֶרֶץ; וַוייל בַּיים רֶבִּי׳ן אִיז גֶעוֶוען דֶרֶךְ אֶרֶץ דָאס עֶרְשְׁטֶע זַאךְ. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: ״אִיךְ קֶען יֶעדְן אֵיינֶעם הֶעלְפְן, אִיךְ קֶען יֶעדְן לַיידְן - אוֹיסֶער אַן עַזּוּת פָּנִים״.

דֶרֶךְ אֶרֶץ הֵייבְּט זִיךְ אָן אִין שְׁטוּבּ מִיט טַאטֶע מַאמֶע; עֶלְטֶערְן זֶענֶען נִישְׁט קֵיין חֲבֵרִים, מֶען קֶען נִישְׁט רֶעדְן צוּ עֶלְטֶערְן אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט צוּ חַבֶר׳טֶעס, מֶען דַארְף רֶעדְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, אוֹיסְהֶערְן וָואס זֵיי זָאגְן אוּן נִישְׁט גֵיין אִין וִויכּוּחִים.

אַזוֹי אוֹיךְ אִין סְקוּל; מֶען מוּז רֶעדְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ צוּ דִי לֶערֶערִינְס אוּן צוּ דִי מְנַהֶלֶת, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער מִיט יֶעדְן דֶערְוַואקְסֶענֶער מֶענְטְשׁ. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא פו.) אוֹיפְ׳ן פָּסוּק (דְבָרִים ו, ה): ״וְאָהַבְתָּ אֵת ה׳ אֱלֹהֶיךָ״ - זָאלְסְט זֶען עֶס זָאל אַרוֹיסְקוּמֶען אַ קִידוּשׁ הַשֵּׁם דוּרךְ דִיר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל בַּאלִיבְּט וֶוערְן דוּרךְ דִיר. וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פִירְט זִיךְ אוֹיף וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין וָואס זָאגְן מֶענְטְשְׁן? ״אַשְׁרֵי אָבִיו שֶׁלִּמְּדוֹ תּוֹרָה״, וואוֹיל זֶענֶען זַיינֶע עֶלְטֶערְן וָואס הָאבְּן אִים גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה; ״אַשְׁרֵי רַבּוֹ שֶׁלִּמְּדוֹ תּוֹרָה״, וואוֹיל אִיז פַאר זַיין רֶבִּי וָואס הָאט אִים גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה; ״אוֹי לָהֶם לַבְּרִיּוֹת שֶׁלֹּא לָמְדוּ תּוֹרָה״, וֵויי אִיז פַאר דִי מֶענְטְשְׁן וָואס לֶערְנֶען נִישְׁט קֵיין תּוֹרָה; אוֹיף אֵיינֶעם וָואס פִירְט זִיךְ עֶרְלִיךְ זָאגְט מֶען: קוּקְט אָן דֶעם מֶענְטְשׁ, וִויבַּאלְד עֶר לֶערְנְט תּוֹרָה פִירְט עֶר זִיךְ אוֹיף אַזוֹי

עֶרְלִיךְ, אוֹיף אִים זָאגְט דֶער פָּסוּק (יְשַׁעְיָה מט, ג) "וַיֹּאמֶר לִי עַבְדִּי אָתָּה, יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר בְּךָ אֶתְפָּאָר", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּארִימְט זִיךְ מִיט אַזַא אֵיינֶעם.

וֶוען מֶען פִּירְט זִיךְ שֵׁיין אִיז דָאס דִי גְרֶעסְטֶע הֲפָּצָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## גַבָּאִים פוּן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ דַארְפְן אַרְבֶּעטְן אִינְאֵיינֶעם בְּאַחְדוּת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיְחִי, ט"ז טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

עֶס טוּט מִיר וֵויי אַז דוּ טוּסְט זַאכְן אָן פְרֶעגְן אוּן אָן זִיךְ דוּרְךְ רֶעדְן מִיט דִי אַנְדֶערֶע גַבָּאִים; אֱמֶת, אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעשְׁרִיבְּן אַ בְּרִיוו [דֶער בְּרִיוו אִיז בַּייגֶעלֵייגְט צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו] אַז אוֹיבּ אִיר ווילְט פַארְדִינְגֶען דֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ וֶוענְדְט זִיךְ דָאס אִין אַייךְ, זַיי אָבֶּער מְדַיֵּיק אִינֶעם בְּרִיוו, עֶס שְׁטֵייט נִישְׁט עֶס וֶוענְדְט זִיךְ אִין "דִיר", עֶס שְׁטֵייט עֶס וֶוענְדְט זִיךְ אִין "אַייךְ", אַייךְ מֵיינְט 'אִין אַלֶע דְרֵיי גַבָּאִים'.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר נָאכְמָאל, אַז אִיר ווִילְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִינֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ דַארְף מֶען זִיךְ דוּרְךְ קוּמֶען, יֶעדֶע פְּרַט דַארְף מֶען רֶעדְן אִינְאֵיינֶעם.

אִיךְ זֶע אַ גְרוֹיסֶע הַצְלָחָה בַּיי אַייךְ; אַלֶע גַבָּאִים זֶענֶען בַּיי מִיר אַ שְׁטִיק פוּן מַיין הַארְץ, עֶס דַארְף נָאר גֶעשֶׁען דִי נֵס וָואס הָאט פַּאסִירְט בַּיי יַעֲקֹב אָבִינוּ, וֶוען אַלֶע שְׁטֵיינֶער הָאבְּן זִיךְ גֶעקְרִיגְט עָלַי יָנִיחַ צַדִיק אֶת רֹאשׁוֹ, אוֹיף מִיר זָאל יַעֲקֹב לֵייגְן זַיין קָאפּ, נָאר אִיךְ פַארְשְׁטֵיי דֶעם צַדִיק, נָאר אִיךְ קֶען זַיין אַ גוּטֶער קִישְׁן פַארְ'ן צַדִיק, זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (חולין צא:) אַלֶע שְׁטֵיינֶער זֶענֶען גֶעוָוארְן אֵיין שְׁטֵיין; הַלְוַאי זָאל שׁוֹין זַיין בַּיים רֶבִּי'ן אַז אַלֶע זָאלְן מִיר וֶוערְן אֵיין שְׁטִיק, אֵיין הַארְץ, אֵיין ווִילְן - מְשַׁמֵּשׁ זַיין דֶעם רֶבִּי'ן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

[דֶער בְּרִיוו צוּ וֶועלְכֶע דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע בְּרִיוו בַּאצִיט זִיךְ:

**ווִי אַזוֹי צוּ פִירְן דֶעם בֵּית הַמֶדְרָשׁ "הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ"**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ה' פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ ב', ו' תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, גַּבְּאֵי בֵּית הַמֶדְרָשׁ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם.**

דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זַיין אַ גַבְּאַי אִין רֶבִּינְ'ס שׁוּל; שְׁטֶעל זִיךְ פָאר דוּ בִּיסְט מְשַׁמֵשׁ דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אַלֵיינְס, וָואלְסְטוּ דָאךְ דָאס גֶעטוּן מִיט שִׂמְחָה אוּן זְרִיזוּת; אַז דוּ בִּיסְט אַ גַבְּאַי אִין רֶבִּינְ'ס שׁוּל בִּיסְטוּ מְשַׁמֵשׁ דֶעם רֶבִּי'ן אַלֵיינְס.

בְּנוֹגֵעַ דִי גֶעלְט פוּן פִּדְיוֹן נֶפֶשׁ; אִיךְ וֶועל שִׁיקְן אַ שָׁלִיחַ צוּ נֶעמֶען דָאס גֶעלְט.

בְּנוֹגֵעַ אַרוֹיסְדִינְגֶען דֶעם בֵּית הַמֶדְרָשׁ וְכוּ'; דָאס וֶוענְדְט זִיךְ אִין אַייךְ, אוֹיב דָאס שְׁטֶערְט נִישְׁט אוּן עֶס אִיז אַייךְ נִישְׁט שְׁוֶוער – קֶענְט אִיר דָאס טוּן, אוֹיף דֶעם דַארְפְט אִיר מַחְלִיט זַיין.

בְּנוֹגֵעַ וַוארְטְן אוֹיף זְמַן רַבֵּינוּ תָּם; אַז אִיר פַארְרוּפְט זִיךְ 'תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ' דַארְפְט אִיר הַאלְטְן זְמַן רַבֵּינוּ תָּם אָן קַיין דְרֵיידְלֶעךְ, מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אוֹיף דֶעם זֵייעֶר שַׁארְף. אִיר דַארְפְט נִישְׁט וַוארְטְן מִיט מַעֲרִיב אוֹיף זְמַן רַבֵּינוּ תָּם, אִיר קֶענְט שׁוֹין דַאוֶוענֶען מַעֲרִיב פַארְ'ן זְמַן, אָבֶּער הַבְדָלָה אוּן אַ מְלָאכָה טָאר מֶען נִישְׁט טוּן פַארְ'ן זְמַן.

אַנְדֶערֶע פַאסְט טֶעג קֶענְט אִיר אוֹיסְפַאסְטְן פְרִיעֶר, וַוייל בַּיי אַ דְרַבָּנָן קֶען מֶען מֵקִיל זַיין אוּן זִיךְ פַארְלָאזְן אוֹיף אַנְדֶערֶע שִׁיטוֹת. אָבֶּער וֶוען עֶס קוּמְט שַׁבָּת אוּן יוֹם כִּיפּוּר אִיז נִישְׁטָא קַיין פְּשָׁרוֹת דֶערְבַּיי.

בְּנוֹגֵעַ דִי בַּעֲלֵי תְּפִילוֹת; אִיר זָאלְט נֶעמֶען דִי וָואס דַאוֶוענֶען שֵׁיין, הַארְצִיג אוּן נִישְׁט אַיילֶעדִיג.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה.]

...

## גִּלְיוֹן הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ אִיבֶּערְגֶעטַייטְשְׁט אוֹיף עֶנְגְלִישׁ

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וַיְחִי, ט״ז טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ גֶעלֵיינְט דֶעם גִּלְיוֹן הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ אִיבֶּערְגֶעטַייטְשְׁט אוֹיף עֶנְגְלִישׁ; עֶס אִיז הֶערְלִיךְ שֵׁיין, דִי מְפִיצִים זָאגְן אַז מֶענְטְשְׁן בַּאדַאנְקֶען זִיךְ זֵייעֶר דֶערוֹיף, זֵיי זֶענֶען זִיךְ מַמָּשׁ מְחַיֶּ׳ מִיטְ׳ן גִּלְיוֹן.

אֵיין קְלֵיינֶע בַּאמֶערְקוּנְג, וֶוען אִיר טַייטְשְׁט אִיבֶּער דָאס וָוארְט ׳אֵייבֶּערְשְׁטֶער׳ זָאלְט אִיר שְׁרַייבְּן ׳הַשֵּׁם׳ נִישְׁט ׳גָאט׳, אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען אִיר טַייטְשְׁט אִיבֶּער דָאס וָוארְט ׳תּוֹרָה׳ זָאלְט אִיר שְׁרַייבְּן דָאס וָוארְט ׳תּוֹרָה׳ אִין עֶנְגְלִישׁ, נִישְׁט ׳בֵּייבְּל׳.

פַאר אוּמוֹת הָעוֹלָם זָאגְט מֶען גָאט (God), אָבֶּער אִידִישֶׁע קִינְדֶער וָואס רֶעדְן עֶנְגְלִישׁ, בִּפְרַט דִי הֵיימִישֶׁע עוֹלָם וָואס לֵיינֶען דִי גִּלְיוֹנוֹת - פַאר זֵיי זָאגְט מֶען אִין עֶנְגְלִישׁ הַשֵּׁם (Hashem).

שְׁטַארְקְט אֵייךְ מִיט אַייעֶר עֲבוֹדַת הַקּוֹדֶשׁ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## לִכְבוֹד שׁוֹבְבִי״ם זָאלְט אִיר זִיךְ בַּאנֵייעֶן אִין זָאגְן תְּהִלִּים יֶעדְן טָאג

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיְחִי, י״ז טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הַיְקָרִים, טֵייעֶרֶע חֲבֵרִים פוּן יְרוּשָׁלַיִם שֶׁיִּחְיוּ**

אִיךְ בֶּענְק זִיךְ זֵייעֶר שׁוֹין צוּ קֶענֶען קוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל; אִיךְ וִויל זֵייעֶר שְׁטַארְק זֶען מִיט דִי אוֹיגְן דִי שֵׁיינֶע גְרוּסְן וָואס אִיךְ הֶער טָאג טֶעגְלִיךְ פוּן דִי פְרִישֶׁע מְקוּרָבִים, פוּן דָאס לִיבְּשַׁאפְט צְוִוישְׁן אֵייךְ, דָאס גֶעטְרֵייְשַׁאפְט צְוִוישְׁן אֵייךְ.

מֶען הָאט מְסַדֵּר גֶעוֶוען אִיךְ זָאל קֶענֶען זֶען אִין אַמֶערִיקֶע וִוי אַזוֹי עֶס פִירְט זִיךְ בַּיי אַייךְ אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ; אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה צוּ זֶען בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט

לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, וִוי עֶס פַּאסְט פַאר תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ.

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן מוֹהֲרָא"שׁ מוֹרָא'דִיגֶע חִיזוּק; דִי וָואךְ עֶנְדִיגְט מֶען סֵפֶר בְּרֵאשִׁית, מֶען שְׁרֵייט אוֹיס אַלֶע אִינְאֵיינֶעם: "חֲזַק חֲזַק וְנִתְחַזֵּק!" לָאמִיר נֶעמֶען דֶעם חוּמָשׁ אוּן זֶען וִוי אַזוֹי דִי פַּרְשָׁה עֶנְדִיגְט זִיךְ (בְּרֵאשִׁית נ, כו): "וַיָּמָת יוֹסֵף בֶּן מֵאָה וָעֶשֶׂר שָׁנִים, וַיַּחַנְטוּ אֹתוֹ, וַיִּישֶׂם בָּאָרוֹן בְּמִצְרָיִם", אוּן בַּיי דִי וֶוערְטֶער שְׁרֵייט מֶען "חֲזַק חֲזַק!" זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ, אַז אַ מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט בַּיי זִיךְ עֶר אִיז טוֹיט, עֶר אִיז בַּאגְרָאבְן אִין טוּמְאָה, עֶר לִיגְט אִין מִצְרַיִם, אִין עֶרְוַת הָאָרֶץ, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנָא דְבֵי אֵלִיָהוּ רַבָּא, פֶּרֶק ז) דִי מִצְרִיִים זֶענֶען דִי עֶרְגְסְטֶע אִין שְׁמוּץ; אַזוֹי שְׁטַארְק אִיז עֶר אַרָאפְּגֶעפַאלְן, שְׁרֵייט מֶען אִים: "חֲזַק חֲזַק!" שְׁטַארְק זִיךְ, דוּ קֶענְסְט נָאךְ אַרוֹיסְגֵיין פוּן מִצְרַיִם, דוּ קֶענְסְט נָאךְ זוֹכֶה זַיין צוּצוּקוּמֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע קְדוּשָּׁה.

טַייעֶרֶע חֲבֵרִים, מִיר גֵייעֶן יֶעצְט אַרַיין אִין דִי יְמֵי הַשּׁוֹבָבִי"ם; דֶער אֲרִ"י הַקָדוֹשׁ שְׁרַייבְּט (שַׁעַר רוּחַ הַקוֹדֶשׁ, תִּיקוּן כז) אַז אִין דִי טֶעג פוּן שׁוֹבָבִי"ם קֶען מֶען פַארְרֶעכְטְן אַלֶעס וָואס מֶען הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען; דֶערְפַאר דַארְפְן מִיר אִין דִי טֶעג תְּשׁוּבָה טוּן אוֹיף וָואס מִיר הָאבְן פּוֹגֵם גֶעוֶוען אִין אוּנְזֶער לֶעבְּן.

לְכָבוֹד שׁוֹבָבִי"ם זָאלְט אִיר זִיךְ בַּאנֵייעֶן אִין זָאגְן תְּהִלִּים יֶעדְן טָאג; רֶבִּי נָתָן פְלֶעגְט זָאגְן אַ גַאנְץ יָאר יֶעדְן טָאג דֶעם יוֹם תְּהִלִּים אוּן אִין דִי טֶעג פוּן שׁוֹבָבִי"ם הָאט עֶר גֶעזָאגְט יֶעדְן טָאג צְוֵויי מָאל דֶעם יוֹם תְּהִלִּים, וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן עג): "מִי שֶׁרוֹצֶה לִזְכּוֹת לִתְשׁוּבָה, יִהְיֶה רָגִיל בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים, כִּי אֲמִירַת תְּהִלִּים מְסֻגָּל לִתְשׁוּבָה וְכוּ'. וְהִנֵּה, הַכֹּל חֲפֵצִים לְיִרְאָה אֶת שְׁמֶךָ, וְאַף עַל פִּי כֵן לָאו כָּל אָדָם זוֹכֶה לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה, כִּי יֵשׁ אֶחָד שֶׁאֵין לוֹ הִתְעוֹרְרוּת כְּלָל לִתְשׁוּבָה", וֶוער עֶס וִויל זוֹכֶה זַיין תְּשׁוּבָה צוּ טוּן זָאל זָאגְן תְּהִלִּים; יֶעדֶער אִיד וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן טוּן דֶעם וִוילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער נִישְׁט יֶעדֶער אִיז זוֹכֶה אוֹיסְצוּפִירְן זַיין וִוילְן אוֹיף לְמַעֲשֶׂה, וַוייל עֶר הָאט בִּכְלַל נִישְׁט קֵיין שׁוּם הִתְעוֹרְרוּת תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, "וַאֲפִילוּ מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ הִתְעוֹרְרוּת לִתְשׁוּבָה, אֵינוֹ זוֹכֶה לְהַגִּיעַ אֶל הָאוֹת וְהַשַּׁעַר שֶׁל תְּשׁוּבָה הַשַּׁיָּךְ לוֹ", אוּן אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס הָאט שׁוֹין יָא אַן הִתְעוֹרְרוּת תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, וֵוייסְט עֶר נִישְׁט וָואס עֶר זָאל טוּן דָאס צוּ קֶענֶען אוֹיסְפִירְן, "וַאֲפִילוּ אִם מַגִּיעַ לְשָׁם, יָכוֹל לִהְיוֹת שֶׁהַשַּׁעַר שֶׁל תְּשׁוּבָה סָגוּר, וּמֵחֲמַת כָּל זֶה אֵין הָאָדָם זוֹכֶה לִתְשׁוּבָה", אוּן אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס וָואס הָאט יָא אַן הִתְעוֹרְרוּת תְּשׁוּבָה צוּ טוּן אוּן עֶר וֵוייסְט וָואס מֶען דַארְף טוּן צוּ וֶוערְן אַן

עֶרְלִיכֶער אִיד, דַארְף עֶר נָאךְ אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ טוּן אוּן נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן וְכוּ׳ וְכוּ׳, דֶערְפַאר אִיז נִישְׁט יֶעדֶער זוֹכֶה תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, "וְעַל יְדֵי אֲמִירַת תְּהִלִּים, אֲפִילּוּ מִי שֶׁאֵין לוֹ שׁוּם הִתְעוֹרְרוּת לִתְשׁוּבָה, הוּא מִתְעוֹרֵר לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה", פִּירְט דֶער רֶבִּי אוֹיס; אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה אוּן עֶר זָאגְט תְּהִלִּים, אֲפִילּוּ עֶר הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם הִתְעוֹרְרוּת, וֶוערְט עֶר אָבֶער נִתְעוֹרֵר תְּשׁוּבָה צוּ טוּן דוּרְךְ דֶעם, "וְגַם זוֹכֶה עַל יְדֵי תְּהִלִּים לְהַגִּיעַ אֶל הַשַּׁעַר וְאוֹת הַשַּׁיָּךְ לוֹ, וְלִפְתֹּחַ הַשַּׁעַר; נִמְצָא שֶׁזּוֹכֶה עַל יְדֵי תְּהִלִּים לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה", אוּן עֶר קֶען אָנְגֵיין מִיט אַ מוֹרָא׳דִיגֶע שְׁטַארְקֵייט וְכוּ׳, בִּיז עֶר אִיז זוֹכֶה תְּשׁוּבָה צוּ טוּן אוּן וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

שְׁטַארְקְט אַייךְ, דְרַאפֶּעט אַייךְ; יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט זַיינֶע נִסְיוֹנוֹת, מֶען פְּרוּבִּירְט אוֹיס יֶעדְן אֵיינֶעם, מֶען וִויל זֶען וִוי אַזוֹי וֶועט עֶר זִיךְ דֶערְהַאלְטְן; ווארויל אִיז דֶעם וָואס הָאט נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת אוּן קַיין תַּרְעוּמוֹת, עֶר וֵוייסְט אַז אַלֶעס אִיז פַאר אִים צוּם גוּטְן. דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (הַקְדָּמָה, ד.): יֶעדְן טָאג גֵייט אַרוֹיס אַ בַּת קוֹל פוּן הִימְל וָואס רוּפְט אוֹיס: "מַאן מִנְכוֹן דִּי חֲשׁוֹכָא מְהַפְּכָן לִנְהוֹרָא, וְטַעֲמִין מְרִירָא לְמִתְקָא עַד לָא יֵיתוֹן הָכָא", וֶוער פוּן אַייךְ קֶען אִיבֶּערְדְרֵייעֶן אוּן מַאכְן פוּן טוּנְקְל - לִיכְטִיג אוּן פוּן בִּיטֶער - זִיס? "מַאן מִנְּכוֹן דִּמְחַכָּאן בְּכָל יוֹמָא לִנְהוֹרָא דְנָהִיר", וֶוער וַוארְט יֶעדְן טָאג עֶס זָאל לִיכְטִיג וֶוערְן? דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט הָאבְּן אַ חֵלֶק לָעוֹלָם הַבָּא; וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה, עֶר מַאכְט פוּן זַיין בִּיטֶער לֶעבְּן אַ זִיס לֶעבְּן, פוּן זַיין טוּנְקֶלְקֵייט מַאכְט עֶר לִיכְטִיג; עֶר וֵוייסְט אַז אִין דִי טוּנְקֶלְקֵייט אִיז בַּאהַאלְטְן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִין דִי בִּיטֶערְנִישׁ אִיז בַּאהַאלְטְן דֶער זִיסֶער בַּאשֶׁעפֶער - דֶער אִיז אַ צַדִּיק.

אַז עֶס אִיז בִּיטֶער דַארְפְן מִיר לוֹיפְן צוּ דִי תּוֹרָה; עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין בֶּעסֶערֶע פְּלַאץ וואוּ צוּ אַנְטְלוֹיפְן וֶוען מֶען הָאט אַ צָרָה - וִוי צוּ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנָּא דְּבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּא, פֶּרֶק ו): "אִם רָאִיתָ שֶׁהַיִּסּוּרִין מְמַשְׁמְשִׁין וּבָאוֹת עָלֶיךָ, רוּץ לְחַדְרֵי דִּבְרֵי תּוֹרָה, וּמִיָּד הַיִּסּוּרִין בּוֹרְחִין מִמְּךָ", אוֹיבּ דוּ זֶעסְט אַז עֶס קוּמֶען אוֹיף דִיר צָרוֹת אוּן יִסּוּרִים, אַנְטְלוֹיף צוּ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

נָאךְ אֵיין זַאךְ בֶּעט אִיךְ אַייךְ, אִיר זָאלְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי כָּבוֹד פוּן דִי וַוייבּ; מֶען מוּז שֵׁיין רֶעדְן אִין שְׁטוּבּ, מֶען מוּז רֶעדְן מִיט וֵוייכְקֵייט, מִיט אֵיידְלְקֵייט; מֶען קֶען נִישְׁט שַׁאפְן אָדֶער שְׁטֶעכְן חַס וְשָׁלוֹם. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא מְצִיעָא נט.): "לְעוֹלָם יְהֵא אָדָם זָהִיר בְּאוֹנָאַת אִשְׁתּוֹ", אַ מֶענְטְשׁ זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ טְשֶׁעפֶּען דִי וַוייבּ, "שֶׁדִּמְעָתָהּ מְצוּיָה", וַוייל אַ פְרוֹי וֵויינְט זֵייעֶר

שְׁנֶעל; מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט זֵייעֶר אַסַאךְ רֶעדְן צוּ אוּנְז פוּן שָׁלוֹם בַּיִת, אַז מֶען זָאל זַיין אַ וַתְּרָן אִין שְׁטוּבּ, זַיין אַ סַבְלָן אוּן דָאס אִיז פוּן דִי יְסוֹדוֹת אִין "הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ".

אִיךְ וִויל זֵייעֶר שְׁטַארְק קוּמֶען צוּ אַייךְ אוּן אַייךְ מַדְרִיךְ זַיין וִוי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן אִין שְׁטוּבּ; לֵיידֶער פַארְפִירְט מֶען חֲתָנִים אוּן כַּלוֹת מִיט פַאלְשֶׁע לִימוּדִים, פַּאלְשֶׁע הַדְרָכוֹת פוּן חוּמְרוֹת וּפְרִישׁוּת וָואס אִיז קֶעגְן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...

**אַז מֶען פִירְט אַן עֶרְלִיכֶע שְׁטוּבּ, בְּרֶענְגְט מֶען נָאר נַחַת פַאר דִי עֶלְטֶערְן**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, י"ט טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, קֶענְוִוי אֵיילֶענְד**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַז דוּ וֶועסְט קוֹיפְן דַיינֶע קִינְדֶער צְוֵויי פָּאר תְּפִלִין - רַשִׁ"י אוּן רַבֵּינוּ תַּם - וֶועסְטוּ נִישְׁט וֵוויי טוּן דַיין טַאטֶע; כָּל זְמַן מֶען פִירְט אַ שְׁטוּבּ מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם בְּרֶענְגְט מֶען נָאר נַחַת פַאר דִי עֶלְטֶערְן, אֲפִילוּ אַ טַאטֶע וָואס אִיז אַ מִתְנַגֵּד צוּם רֶבִּי'ן - וֶוערְט נִישְׁט וֵוויי גֶעטוּן וֶוען זַיינֶע קִינְדֶער פִירְן עֶרְלִיכֶע שְׁטוּבֶּער אוּן צִיעֶן אוֹיף עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער אוֹיף אַן אַנְדֶערֶע שְׁנִיט.

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן אַ בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר חָסִיד זָאגְן: "מַיין כִּיבּוּד אָב וָאֵם אִיז אַז אִיךְ גֵיי יֶעדְן טָאג אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען דְרֵיי תְּפִילוֹת; מַיין כִּיבּוּד אָב אִיז אַז אִיךְ רֶעד שֵׁיין צוּ מַיין וַוייבּ, אִיךְ שְׁרֵיי נִישְׁט אִין שְׁטוּבּ; מַיין כִּיבּוּד אָב אִיז אַז אִיךְ בִּין מְגַדֵּל מַיינֶע קִינְדֶער מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם; דָאס אַז עֶס שְׁטֶערְט מַיין טַאטֶע אַז אִיךְ בִּין אַ בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר - דָאס הָאט נִישְׁט מִיט מִיר, מַיין טַאטֶע שְׁטֶערְט אוֹיךְ וֶוען עֶס שְׁנֵייט אוּן וֶוען עֶס רֶעגְנְט, עֶר וָואלְט וֶוען גֶעוָואלְט עֶס זָאל שַׁיינֶען יֶעדְן טָאג דִי זוּן אוּן עֶס זָאל זַיין אַ שֵׁיינֶע וֶועטֶער; דָאס אִיז נִישְׁט אַ פְּגַם אִין כִּיבּוּד אָב וָאֵם".

זַיי שְׁטַארְק וַוייטֶער צוּ מְכַבֵּד זַיין דִי עֶלְטֶערְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וֶוען דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער אַזַא שְׁוֶוערֶע נִסָּיוֹן, דַארְפְסְטוּ זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אֱמוּנָה

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, י״ט טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ מְחַזֵּק זַיין מִיט אַלֶע דַיינֶע כֹּחוֹת; בְּעִיקָר זָאלְסְטוּ זִיךְ מְחַזֵּק זַיין אִין אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. בִּפְרַט יֶעצְט וֶוען דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער אַזַא שְׁוֶוערֶע נִסָּיוֹן; הָאסְט חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן זִיךְ גְלַייךְ גֶעדַארְפְט גֶטְ׳ן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, זִי הָאט דִיר אוֹיסְגֶעפָּאפְּט וְכוּ׳, דוּ הָאסְט אַזוֹי לַאנְג גֶעוַוארְט, דוּ הָאסְט גֶעמֵיינְט אַז דוּ הָאסְט גֶעטְרָאפְן דַיין זִיווּג, דוּ וֶועסְט אִינְאֵיינֶעם אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּבּ אוּן יֶעצְט אִיז אַלֶעס צֶעפַאלְן, זִי הָאט בִּכְלַל נִישְׁט גֶעוָואלְט חֲתוּנָה הָאבְּן נָאר דִיר פָּשׁוּט אַרַיינְגֶענַארְט.

שְׁטַארְק זִיךְ, נֶעם אַרַיין אֱמוּנָה אִין דִיר, הַאלְט אִין אֵיין חַזֶר׳ן: ׳דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אַלֶעס, טוּט אַלֶעס אוּן אִיז אַלֶעס; קַיין שׁוּם זַאךְ פַּאסִירְט נִישְׁט פוּן זִיךְ אַלֵיינְס, נִישְׁטָא קַיין פֶּערְצוּפַאל, נִישְׁטָא קַיין טֶבַע, מִקְרֶה אוּן מַזָּל, דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז אֵיין שְׁטִיק אֵייבֶּערְשְׁטֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זִיךְ אָנְגֶעטוּן כִּבְיָכוֹל מִיט אַ לְבוּשׁ פוּן דוֹמֵם, צוֹמֵחַ, חַי אוּן מְדַבֵּר, אָבֶּער אַלֶעס אִיז עֶר אַלֵיינְס, מִיר וֵוייסְן גָארְנִישְׁט, מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן גָארְנִישְׁט, מִיר ווִילְן נִישְׁט ווִיסְן אוּן פַארְשְׁטֵיין, מִיר דַארְפְן נָאר אִים דִינֶען אוּן אִין אִים גְלֵייבְּן׳.

גֵיי יֶעדְן טָאג הִתְבּוֹדְדוּת, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין שְׁפְּרַאךְ פָּשׁוּטְ׳עֶ הַארְצִיגֶע וֶוערְטֶער, דוּרְכְדֶעם וֶועט גֶעשֶׁען צְוֵויי זַאכְן, אֵיינְס, דוּ וֶועסְט טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ אוּן צְוֵוייטְנְס, בִּיז דוּ וֶועסְט טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ אוּן נָאךְ וָואס דוּ וֶועסְט טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ וֶועט דַיין לֶעבְּן זַיין אַן אַנְדֶערֶע לֶעבְּן, וַוייל דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בּוֹיט אוֹיף אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, עֶס בּוֹיט אוֹיף אַ זִיכֶערְקֵייט אִינֶעם מֶענְטְשׁ, מֶען וֶוערְט אַ שְׁטַארְקֶער מֶענְטְשׁ אוּן דָאס לֶעבְּן אִיז אִינְגַאנְצְן אַנְדֶערְשׁ.

דָא הָאסְטוּ אַ קְלֵיינֶע תְּפִלָּה:

״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן מַיין זִיווּג, אִיךְ ווִיל שׁוֹין אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שְׁטוּבּ, אִיךְ ווִיל נִישְׁט זַיין אַלֵיין.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ גְלֵייבּ בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה אַז דִי גַאנְצֶע פַּרְשָׁה; מַיין

שִׁידּוּךְ, מַיין גֶט - אַלֶעס אִיז פַאר מִיר לְטוֹבָה, דִי גַאנְצֶע עַגְמַת נֶפֶשׁ וָואס אִיךְ בִּין אַרִיבֶּער - אַלֶעס אִיז נָאר פַאר מַיין גוּטְס, פַאר מַיין תִּיקוּן. יֶעצְט בֶּעט אִיךְ דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, הֶעלְף מִיר, אִיךְ ווִיל חֲתוּנָה הָאבְּן מִיט אַן עֶרְלִיכֶע פְרוֹי, אֵיינֶע וָואס וֶועט גְלֵייבְּן אִין דִיר אוּן גֵיין אִין דִי וֶועג פוּן דִי תּוֹרָה, הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ זָאל שׁוֹין טְרֶעפְן מַיין שִׁידּוּךְ, אִיךְ בִּין אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן, אִיךְ בִּין אַזוֹי צֶערִיסְן, אִיךְ קֶען מֶער נִישְׁט, אִיךְ ווִיל שׁוֹין לֶעבְּן.

הֶעלְף מִיר בִּזְכוּת דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים וָואס הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶועזְן פַאר דַיינֶעט וֶועגְן, בִּזְכוּת דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וּבִזְכוּת אַלֶע צַדִיקִים, יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי וְהֶגְיוֹן לִבִּי לְפָנֶיךָ ה׳ צוּרִי וְגֹאֲלִי״.

בְּנוֹגֵעַ זִיךְ מִתְוַדֶה זַיין פַאר׳ן גֵיין שְׁלָאפְן וֶוען מֶען לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁל אַרִיזַ״ל; עַל פִּי הֲלָכָה אִיז מֶען זִיךְ נִישְׁט מִתְוַדֶה שַׁבָּת אוּן יוֹם טוֹב, אָבֶער אַז אֵיינֶער לֵייגְט זִיךְ שְׁלָאפְן מִיט דִי מַחֲשָׁבָה ׳דָאס אִיז מַיין לֶעצְטֶע טָאג׳, עֶר שְׁפִּירְט בַּיי זִיךְ אַז עֶר דַארְף זִיךְ אָנְגְרֵייטְן מִיט וִידּוּי דְבָרִים, - דִי זֶענֶען זִיךְ מִתְוַדֶה שְׁטֶענְדִיג, אֲפִילוּ שַׁבָּת אוּן יוֹם טוֹב.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אִין זְכוּת פוּן צְנִיעוּת, הָאט מֶען הֵיילִיגֶע קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פָּרָשַׁת שְׁמוֹת, י״ט טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳

דִי בֶּעסְטֶע עֵצָה פַאר אַייךְ אַז אִיר זָאלְט לִיב הָאבְּן צְנִיעוּת - אִיר זָאלְט בֶּעטְן אוֹיף דֶעם.

בֶּעטְס כְּסֵדֶר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי וֶוערְטֶער:

״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל לִיב הָאבְּן צְנִיעוּת, אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ טַעַם אִין צְנִיעוּת, אִיךְ זָאל וֶועלְן גֵיין אָנְגֶעטוּן אֵיידֶל״.

אַז אִיר וֶועט בֶּעטְן דִי פָּאר וֶוערְטֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָן אַ שִׁיעוּר - וֶועט אִיר אָנְהֵייבְּן בַּאקוּמֶען אַ טַעַם אִין צְנִיעוּת; אִיר וֶועט דָאס וֶועלְן, עֶס וֶועט מֶער נִישְׁט זַיין גֶעצְוְואוּנְגֶען.

אִיר קֶענְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי שְׂכַר פוּן צְנִיעוּת; מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ מַאכְן

אַ נַחַת רוּחַ פַאר׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ מַאכְן אַ וואוֹינוּנְג פַאר׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז גֶעוֶוען אִין אִינְסְטַאנְבּוּל הָאט עֶר גֶעזֶען קִינְדֶער מִיט הֵיילִיגֶע נְשָׁמוֹת פוּן תְּנָאִים, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶעזָאגְט אַז דָאס קוּמְט פוּן זֵייעֶרֶע מַאמֶעס וָואס זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר צְנִיעוּת׳דִיג.

...

## קֶענְסְט עוֹסֵק זַיין אִין נָאךְ אַ פַּרְנָסָה, אָבֶּער דַיין עִיקָר זַאךְ זָאל זַיין הֲפָצָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פָּרָשַׁת שְׁמוֹת, שׁוֹבָבִ״ם, י״ט טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מִיר זֶענֶען יֶעצְט אַרַיין אִין דִי שׁוֹבָבִ״ם טֶעג, דִי וָואכְן אִיז אַ צַייט פוּן תִּיקּוּן הַמַּעֲשִׂים; דַארְפְן מִיר עוֹסֵק זַיין אִין הֲפָצָה, וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת נִיאוּף, סִימָן מא): ״תִּקּוּן לְהוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה, שֶׁיִּשְׁתַּדֵּל לְהַחֲזִיר בְּנֵי אָדָם בִּתְשׁוּבָה״, וֶוער עֶס וִויל פַארְרֶעכְטְן חַטָּאוֹת נְעוּרִים זָאל עוֹסֵק זַיין אִין הֲפָצָה, צוּרִיק בְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

קֶענְסְט עוֹסֵק זַיין אִין נָאךְ אַ פַּרְנָסָה, אָבֶּער דַיין עִיקָר זַאךְ זָאל זַיין הֲפָצָה, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ג): ״מַעֲשֶׂה, אַמָאל אִיז גֶעוֶוען אַ חָכָם, פַאר זַיין טוֹיט הָאט עֶר גֶערוּפְן זַיינֶע קִינְדֶער אוּן זַיין מִשְׁפָּחָה, אוּן הָאט זֵיי גֶעלָאזְט צַוָואָה אַז זֵיי זָאלְן ׳אָנְטְרִינְקֶען בֵּיימֶער׳. אִיר מֶעגְט עוֹסֵק זַיין אִין אַנְדֶערֶע פַּרְנָסוֹת אוֹיךְ, נָאר דָאס זָאלְט אִיר זֶען שְׁטֶענְדִיג צוּ טוּן: ׳אָנְטְרִינְקֶען בֵּיימֶער׳״; מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט (סֵפֶר נַהֲרֵי אֲפַּרְסְמוֹן) אָנְטְרִינְקֶען בֵּיימֶער מֵיינְט מֶען הֲפָצָה, וַוייל אַ מֶענְטְשׁ אִיז צוּגֶעגְלִיכְן צוּ אַ בּוֹים, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (דְּבָרִים כ, יט): ״כִּי הָאָדָם עֵץ הַשָּׂדֶה״, אוּן אַז מֶען טְרִינְקְט אִים אָן מִיט גוּטֶע חִיזּוּק וְעִידּוּד פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן קֶען עֶר וַואקְסְן.

עֶס אִיז יֶעצְט אָנְגֶעקוּמֶען פִינְף טוֹיזְנְט אֲשֶׁר בַּנַּחַל אִידִישׁ חֵלֶק ב׳; הַלְוַאי וָואלְסְטוּ דָאס פַארְפְלֵייצְט בַּיי הֵיימִישֶׁע מִשְׁפָּחוֹת וָואס לֵיינֶען אִידִישׁ, זֵיי לִיכְטִיג

מַאכְן אוּן וַוייזְן דִי וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען קֶען הָאבְּן דֶעם גַן עֵדֶן בָּזֶה הָעוֹלָם.

...

## גֶעבּ נִישְׁט קַיין סְפָרִים פַאר וֶוער עֶס דַארְף עֶס נִישְׁט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, שׁוֹבָבִי״ם, י״ט טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

שְׁטַארְק זִיךְ, גֵיי וַוייטֶער אָן מִיט דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם; סֵיי מִיט לֶערְנֶען בְּהַתְמָדָה רַבָּה, סֵיי מִיט דַאוֶוענֶען מִיט הִתְלַהֲבוּת אוּן סֵיי מִיט דַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן מִידוֹת טוֹבוֹת.

בְּנוֹגֵעַ הֲפָצָה וְכוּ׳; גֵיי נִישְׁט אִין פְּלֶעצֶער וואוּ מֶען וִויל נִישְׁט דִי סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים, אַ פְּלַאץ וואוּ מֶען לָאזְט נִישְׁט לֵייגְן - זָאלְסְטוּ נִישְׁט לֵייגְן.

עֶס זֶענֶען דָא אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן וָואס וַוארְטְן יֶעדֶע וָואךְ צוּ לֵיינֶען דִי גִלְיוֹנוֹת אוּן קוּנְטְרֵסִים, בִּפְרַט סֵפֶר עֲצָתוֹ אֱמוּנָה; מֶענְטְשְׁן וַוארְטְן אוֹיף דֶעם אַזוֹי וִוי מֶען וַוארְט אוֹיף לֶעבְן, זֵיי זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶּ׳ מִיט יֶעדְן בְּרִיוו, זֵיי נֶעמֶען זֵייעֶר וֶועג אוּן לֶעבְן פַאר זִיךְ אוּן פַאר דִי מִשְׁפָּחָה נָאר פוּנֶעם סֵפֶר; גֵיי צוּ דִי מֶענְטְשְׁן וָואס וַוארְטְן אוֹיף דֶעם.

אַנְטְלוֹיף פוּן לֵצִים; עֶס קוּמְט זֵיי נִישְׁט דִי סְפָרִים. מִיט לֵצִים טָאר מֶען נִישְׁט הָאבְּן קַיין מַגָּע וּמַשָּׂא.

...

## מֶען דַארְף רֶעדְן וֵוייךְ צוּ דִי וַוייבּ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, שׁוֹבָבִי״ם, י״ט טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה צוּ זֶען וִוי פְלַייסִיג דוּ לֶערְנְסְט מִיט אַ שְׁטַארְקֶע הַתְמָדָה; דִי תּוֹרָה וָואס מֶען לֶערְנְט אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן בּוֹיט אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ פַאר׳ן גַאנְצְן

לֶעבְּן.

אִיךְ ווִיל דִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק בֶּעטְן זָאלְסְט רֶעדְן צוּ דַיין וַוייבּ מִיט אַ וֵוייכֶע שְׁפְּרַאךְ; בִּכְלַל פְרוֹיעֶן זֶענֶען זֵייעֶר וֵוייךְ, זֵיי רֶעדְן וֵוייךְ - דַארְף מֶען צוּ זֵיי רֶעדְן וֵוייךְ, בִּפְרַט דַיין וַוייבּ - זִי אִיז אוֹיסְנַאם וֵוייךְ, זָאלְסְטוּ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן וִוי אַזוֹי דוּ רֶעדְסְט צוּ אִיר.

מִי לָנוּ גָדוֹל פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעזָאגְט בִּשְׁעַת מַתַּן תּוֹרָה עֶר זָאל רֶעדְן וֵוייךְ צוּ דִי פְרוֹיעֶן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (שְׁמוֹת יט, ג): "כֹּה תֹאמַר לְבֵית יַעֲקֹב", רֶעד צוּ דִי פְרוֹיעֶן וֵוייךְ; מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט זִיכֶער גֶערֶעדְט שֵׁיין, דָאךְ הָאט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעדַארְפְט בַּאזוּנְדֶער בֶּעטְן עֶר זָאל רֶעדְן וֵוייךְ, כָּל שְׁכֵּן מִיר דַארְפְן אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ רֶעדְן שֵׁיין.

אִיךְ וֶועל דִיר נָאךְ דֶערְצֵיילְן שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת פוּן בְּרֶסְלֶבְ׳עֶ חֲסִידִים, וִוי שֵׁיין זֵיי פְלֶעגְן רֶעדְן אִין שְׁטוּבּ.

...

## עֶנְדֶערְשׁ שִׁיקְן צוּ אַן עֶרְלִיכֶע סְקוּל, אֲפִילוּ עֶס אִיז וַוייט פוּן שְׁטוּבּ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, כ׳ טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

... תְּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אוֹיף דִי פְרַאגֶע אוֹיבּ מֶען זָאל עֶנְדֶערְשׁ גֵיין אִין אַ בֶּעסֶערֶע סְקוּל וָואס אִיז וַוייט פוּן שְׁטוּבּ וְכוּ׳; אַוַדַאי אִיז בֶּעסֶער מֶען זָאל גֵיין אִין אַ עֶרְלִיכֶע סְקוּל אֲפִילוּ מֶען דַארְף פָּארְן אַ לַאנְגֶע וֶועג פוּן שְׁטוּבּ אוּן אַ לַאנְגֶע וֶועג אוֹיף צוּרִיק, וִוי אֵיידֶער גֵיין אִין אַ שְׁוַואכֶערֶע סְקוּל אֲפִילוּ עֶס אִיז נֶענְטֶער.

אוֹיפְ׳ן וֶועג אִיז דָא אַסַאךְ וָואס צוּ טוּן; מֶען קֶען זָאגְן דֶעם יוֹם תְּהִלִּים, מֶען קֶען זִיךְ אַבִּיסְל מִתְבּוֹדֵד זַיין. מוֹהֲרַא״שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט, עֶר אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר הָאט גֶעדַארְפְט פָּארְן אַ לַאנְגֶע וֶועג יֶעדְן טָאג אִין יְשִׁיבָה. מוֹהֲרַא״שְׁ׳ס עֶלְטֶערְן הָאבְּן גֶעווּאוֹינְט אִין דִי בְּרָאנְקְס גֶעגְנְט אוּן מוֹהֲרַא״שׁ הָאט גֶעלֶערְנְט אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג אִין יְשִׁיבָה עֲרוּגַת הַבֹּשֶׂם ד׳צֶעהְלִים, עֶס הָאט אִים גֶענוּמֶען צוּ פָּארְן מִיטְ׳ן בַּאן צְוֵויי שָׁעָה פוּן זַיין שְׁטוּבּ בִּיז דִי יְשִׁיבָה אוּן צְוֵויי

שָׁעָה צוּרִיק, מוֹהֲרָא״שׁ פְלֶעגְט יֶעדְן טָאג נֶעמֶען אַ קְלֵיין סֵפֶר׳ל צוּ לֶערְנֶען אוֹיפְ׳ן טְרֶעין, בִּיז אֵיין מָאל הָאט עֶר גֶענוּמֶען אִין דִי הַאנְט דֶעם סֵפֶר מְשִׁיבַת נָפֶשׁ אוּן אַזוֹי אִיז עֶר מְקוּרָב גֶעוָוארְן.

דָאס וָואס אִיר פְרֶעגְט אַז מֶען לֶערְנְט נִישְׁט אִין סְקוּל פוּן רֶבִּי׳ן, וָואס הָאט מֶען פוּן גֵיין אִין סְקוּל? חַס וְשָׁלוֹם אַזוֹי צוּ זָאגְן, וָואס ווִיל דֶען דֶער רֶבִּי מֶען זָאל רֶעדְן פוּן אִים? וָואס ווִיל דֶער רֶבִּי? דֶער רֶבִּי ווִיל אֵיין זַאךְ, בְּרֶענְגֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בְּרֶענְגֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּ דִי וֶועג פוּן דִי תּוֹרָה. דֶער רֶבִּי ווִיל מֶען זָאל לֶערְנֶען אוּן קֶענֶען גוּט הֲלָכוֹת, דָאס טוּט מֶען אִין סְקוּל, מֶען לֶערְנְט הֲלָכוֹת, מֶען לֶערְנְט יִרְאַת שָׁמַיִם; דָאס אִיז וָואס דֶער רֶבִּי ווִיל.

דַארְף מֶען וַוייטֶער גֵיין לֶערְנֶען אִין סְקוּל אֲפִילוּ עֶס אִיז נִישְׁט סְפֶּעצִיעֶל גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיפְ׳ן רֶבִּינְ׳ס וֶועג, אַזוֹי ווִי מוֹהֲרָא״שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט, עֶס אִיז גֶעוֶועוְן אַ בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר חָסִיד וָואס הָאט נִישְׁט גֶעשִׁיקְט זַיינֶע קִינְדֶער אִין חֵדֶר וַוייל עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶועוְן אַ בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר חֵדֶר, עֶר הָאט זֵיי גֶעלָאזְט אוֹיף הֶפְקֵר, בִּיז אַלֶע זַיינֶע קִינְדֶער הָאבְּן אָפְּגֶעלָאזְט דִי תּוֹרָה, זֵיי הָאבְּן זִיךְ אוֹיסְגֶעמִישְׁט מִיט גוֹיִם רַחֲמָנָא לִצְלָן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

מֵאִיר קִינְדְלֶער

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, וֶוער ווִיל הֶערְן אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה וָואס וֶועט אוּנְז לֶערְנֶען מִיר זָאלְן זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְלִירְן, נָאר בְּלַייבְּן שְׁטַארְק מִיט אֱמוּנָה?

אוֹיבּ וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיר וֶועט פָּארְן קַיין יַבְנְאֵל צוּם צִיוּן פוּן מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וֶועט אִיר זֶען נֶעבְּן יַבְנְאֵל אַ שֵׁיינֶע גְרוֹיסֶע שְׁטָאט, דִי שְׁטָאט הֵייסְט טְבֶרְיָה.

טְבֶרְיָה אִיז זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע שְׁטָאט, אוּנְטְן פוּנֶעם שְׁטָאט אִיז דֶער הֶערְלִיכֶער וַואסֶער כִּנֶּרֶת; מִיט לַאנְגֶע יָארְן צוּרִיק אִיז טְבֶרְיָה גֶעוֶוען אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט אַ שֵׁיינֶע הוֹיכֶע מוֹיעֶר, פוּן אִינֶעוֵוייניג פוּנֶעם מוֹיעֶר אִיז דֶער שְׁטָאט אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אִיז דֶער יַם כִּנֶּרֶת.

וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִין דִי שְׁטָאט טְבֶרְיָה הָאט פְּלוּצְלוּנְג אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן אַ מָארְד; מֶענְטְשְׁן זֶענֶען קְרַאנְק גֶעוָוארְן, דִי קְרֶענְק אִיז גֶעגַאנְגֶען פוּן אֵיינֶעם צוּם צְוֵוייטְן אוּן מֶענְטְשְׁן זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבְּן, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעדַארְפְט שְׁנֶעל אַנְטְלוֹיפְן פוּן דִי הוֹיז וואוּ עֶר אִיז אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען, עֶר אִיז גֶעלָאפְן צוּ אַ צְוֵוייטֶע שְׁטוּבּ, נָאכְדֶעם וָואס דִי קְרֶענְק אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי צְוֵוייטֶע שְׁטוּבּ הָאט דֶער רֶבִּי אָנְגֶעהוֹיבְּן

אַנְטְלוֹיפְן אַרוֹיס פוּן שְׁטָאט.

אַזוֹי לוֹיפְנְדִיג הָאט דֶער רֶבִּי גֶעטְרָאפְן אַ הֵייל, דֶער הֵייל הָאט גֶעפִּירְט בִּיז צוּם מוֹיעֶר פוּן שְׁטָאט, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעדַארְפְט לוֹיפְן זֵייעֶר שְׁנֶעל כְּדֵי עֶר זָאל נִישְׁט חַס וְשָׁלוֹם אַרַיינְגֶעכַאפְּט וֶוערְן אִין דִי מָארְד; וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז אַרוֹיס פוּן דִי הֵייל הָאט עֶר נִישְׁט גֶעקֶענְט טְרֶעפְן אַ וֶועג אַרוֹיס צוּ גֵיין פוּן שְׁטָאט, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קֵיין טִיר אִינֶעם מוֹיעֶר, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעטְרַאכְט אַז עֶר וֶועט אַרוֹיפְקְרִיכְן אוֹיפְ'ן מוֹיעֶר און אַזוֹי וֶועט עֶר אַרִיבֶּערְגֵיין צוּ דִי אַנְדֶערֶע זַייט, זִיךְ צוּ רַאטֶעוֶוען פוּן דִי סַכָּנָה.

דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעוִויסְט אַז דָארְט וואוּ עֶר קְרִיכְט אַרוֹיף, פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט פוּנֶעם מוֹיעֶר - אִיז נִישְׁטָא קֵיין וֶועג, עֶס אִיז דָארְט נָאר יַם, נָאר וַואסֶער; גְלַייךְ וֶוען עֶר אִיז אַרוֹיפְגֶעקְרָאכְן אוֹיבְן אוֹיפְן שְׁפִּיץ פוּנֶעם מוֹיעֶר אִיז עֶר אַרִיבֶּער צוּם צְוֵוייטְן זַייט און זִיךְ אַרָאפְּגֶעהָאנְגֶען, הָאט עֶר גֶעזֶען אַז אוּנְטֶער אִים אִיז דֶער יַם, דֶער וַואסֶער; דֶער רֶבִּי אִיז גֶעהָאנְגֶען דָארְט אוֹיף זַיינֶע הֶענְט און פִּיס, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין כֹּחַ, אָבֶער אוֹיב וָואלְט עֶר זִיךְ אָפְּגֶעלָאזְט וָואלְט עֶר אַרַיין גֶעפַאלְן אִין יַם, צוּרִיק אַרוֹיף קְרִיכְן הָאט דֶער רֶבִּי אוֹיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט דִי כֹּחַ זִיךְ צוּרִיק צוּ שְׁלֶעפְּן, דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעוִויסְט וָואס צוּ טוּן, הָאט עֶר גֶענוּמֶען דִי עֵצָה פוּן תְּפִלָּה, עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, וָואס טוּ אִיךְ דָא? הֶעלְף מִיר, וַוייז מִיר אַ וֶועג צוּ בְּלַייבְן לֶעבְּן", און דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט אַ נֵס, עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן אַ וֶועג אַרוֹיס צוּ בְּלַייבְן לֶעבְּן.

דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט זֵייעֶר אַסַאךְ דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה און וֶוען דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט רֶעדְן צוּ אוּנְז פוּן תְּפִלָּה הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "מֶען

דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַזַא אֱמֶת אַזוֹי וִוי אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען אִיךְ בִּין גֶעהָאנְגֶען בַּיים מוֹיעֶר הֶעכֶערְן וַואסֶער, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקֶענְט טְרַאכְטְן קַיין שׁוּם וֶועג וִוי אַזוֹי צוּ זִיךְ רַאטֶעוֶוען, אוּן וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁרִיגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז דָאס גֶעוֶוען מִיט אַן אֱמֶת אוּן אַזוֹי הָאט מִיר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעהָאלְפְן״.

טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, אַז מִיר וֶועלְן פָּאלְגְן דֶעם רֶבִּי׳ן, מִיר וֶועלְן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר וֶועלְן אִים בֶּעטְן יֶעדֶע זַאךְ וָואס מִיר דַארְפְן, מִיר וֶועלְן שְׁמוּעֶסְן מִיט אִים, דֶערְצֵיילְן יֶעדֶע זַאךְ וָואס שְׁטֶערְט אוּנְז – וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְן גְרוֹיסֶע נִיסִים, מִיר וֶועלְן זֶען יְשׁוּעוֹת.



חשוב׳ע קינדער שיחיו!

מיט גרויס פרייד טוען מיר מעלדן אז די ערשטע גורל וועט אם ירצה ה׳ פארקומען דאנערשטאג פרשת וארא, ראש חודש שבט הבא עלינו לטובה!

**נעמט אין אכט, דער געווינער דער חודש פון ווערן דערמאנט ביים ציון פון הייליגן מוהרא״ש זצ״ל אין יבנאל וועט ווערן דערמאנט אין די טעג פון די יארצייט - י״ז שבט (וואס געפאלט היי יאר אום שבת קודש)**

אין די זעלבע צייט ווילן מיר זיך באדאנקען פאר אלע חשוב׳ע קינדער פון וויליאמסבורג, בארא פארק, מאנטריאל און ארץ ישראל וואס האבן איבערגעלאזט הערליכע שיינע און באלערנדע מעסידזשעס וועלכע מיר האפן צו דרוקן דעם קומענדיגן וואך אינעם קונטרס.

מיר וועלן נאכאמאל איבערגיין די דעטאלן פונעם גורל:

יעדעס קינד וואס וועט ארייננשיקן סיי וואס פאר א נקודה וואס ער האט ארויסגענומען פון די וועכנטליכע קונטרס ״עצתו אמונה-איש אמונות״ און ״עצתו אמונה פאר קינדער״ וועט אריינגיין אין א גורל אויף א שיינע מתנה.

דאס קען זיין א מעשה וואס מען האט אויפגעכאפט, א ווארט פון חיזוק אויף א שוועריקייט וואס מען גייט דורך, א מידה וואס מען האט זיך געלערנט, סתם א זאך וואס מען האט אויפגעכאפט, אדער סיי וועלכע אנדערע זאך וואס מען האט געליינט אינעם קונטרס.

די גורל וועט ווערן ארויסגעצויגן איינמאל א חודש און דער געווינער וועט קענען אויסוועלן איינע פון די פאלגנדע זאכן:

- עצתו אמונה אויף פאסט פריי פון אפצאל פאר זעקס חדשים

- איינע פון די חלקים עצתו אמונה ארייגעשריבן די נאמען דורכ׳ן ראש ישיבה שליט״א

- ווערן דערמאנטביים ציון פון מוהרא״ש זצ״ל אין יבנאל

אזוי אויך וועט ווערן אויסגעקליבן יעדע וואך עטליכע שיינע מעסידזשעס וואס די קינדער האבן אריינגעשיקט און וועט ווערן געדרוקט אינעם וועכנטליכן קונטרס בעז״ה.

מעסידזשעס קען מען דערוייל איבערלאזן אויפ׳ן טעלעפאן נומער 718-387-2691 ביי אפציע 6, די קינדער וואס לערנען אין די היכל הקודש ברסלב תלמוד תורה קענען דאס איבערגעבן פאר זייער מלמד שליט״א, אדער קען מען דאס שיקן אויף פאסט צום אדרעסס:

Keren Hadfusa of Breslev 27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205

אזוי אויך קען דאס ווערן געשיקט דורך די עלטערן צום אימעיל אדרעסס:

info@kerenhadfusa.org

מיר האפן מיט׳ן אייבערשטנ׳ס הילף צוצולייגן נאך טעלעפאן און פעקס נומערן פון פארשידענע לענדער וואו מ׳וועט קענען איבערלאזן מעסידזשעס.

ווען מען לאזט אריין די מעסידזש דארף מען צוערשט זאגן דעם נאמען, די יארגאנג און די שטאט וואו מ׳וואוינט, און אויב מ׳לערנט אין תלמוד תורה היכל הקודש ברסלב זאל מען צולייגן דעם מלמד׳ס נאמען, אזוי אויך ווען מ׳שיקט דאס אריין בכתב.

חזקו ואמצו!

בס"ד



נייעס פון "קול ברסלב"
212-444-9191
845-351-0910
זונטאג ויחי – מאנטאג שמות תשפ"א
טעגליכע קורצע עצות און חיזוק, ווי אויך אנצוקומען שנעל צו די נייסטע שיעורים
שיעורים און דרשות פון דער ראש ישיבה שליט"א
שיעורים פון מוהרא"ש זי"ע
אנדערע שיעורים
היכל נגינה
שיעורים בסדרן מיט צו זאגן
פאמיליע ווינקל
צו מנדב זיין פאר די האטליין און ישיבה, פאר אנווייזונגען און אינפארמאציע, זיך צו פארבינדן מיט די מערכת און פאר די לייוו הוקאפ
אפדעיטס און נייעס
1
2
3
4
5
6
7
8
9
0
7
1
4
10
7
1
4
5

**אויף דערווייל וועלן מיר אפדעיטן בלויז די אפדעיטס אויף אידיש, דאס הייסט, אפציע 1 פאר אידיש; מיט די צייט וועלן מיר אויך אפדעיטן לשה"ק און ענגליש, מיט'ן אייבערשטנס הילף.**

**אפציע 1-1 ווערט בדרך כלל אפדעיטעד יעדן טאג, דעריבער וועלן מיר נישט מאכן אן עקסטערע קעסטל דערפאר, אזוי אויך אפציע 6–4 פאר די שיעורים מיט צו זאגן און 2 ,7 2 ,9 און 2 11 וואס ווערן אפדעיטעד טעגליך, אויסער ווען עס איז דא א חינוך אדער התחזקות שיעור צום סוף פונעם דף.**

61 - שיעור פון זונטאג ויחי: סגולות

62 - שיעור פון מאנטאג ויחי: נאך דא האפענונג

63 - שיעור פון דינסטאג ויחי: טשעפע נישט

64 - שיעור פון מיטוואך ויחי: פאליר נישט דיין געלט

65 - שיעור פון דאנערשטאג ויחי: לכבוד שבת קודש

1

67 - א חינוך דרשה פון זונטאג ויחי

68 - א שיעור אין חינוך פון זונטאג שמות

2

2 | 6

שיעור פאר אינגעלייט ליל שישי פרשת ויחי: "מאך א לעבן"

פרישע חיזוק קאלס

5 | 2

פרישע ברויו פון דער ראש ישיבה שליט"א פארגעליינט

חינוך שמועסן ביים סוף פון פסחים דף לז, לח, [לט], מא און מג.

פרישע מעשיות פון תפלה פון אינגעלייט בחורים און קינדער

פרישע חיזוק אויף הפצה און פערזענליכע מעשיות פון הפצה

81 – א שמועס מיט ר' שלום פון קאנאדא איבער הפצה אין קאנאדא

82 – אן אינטערוויו מיט ר' משה ארי' שניצלער איבער דעם סדר דרך הלימוד מיט פילע אינטערעסאנטע עפיזאדן במשך די יארן

83 – אן אינטערוויו מיט ר' יוסף לייב קויפמאן און זיין זון חיים שלמה נרו יאיר וואס איז זוכה צו לערנען ש"ס און גייט אויפ'ן וועג צו ענדיגן גאנץ ש"ס

84 – אן אינטערוויו מיט ר' יעקב איידליס ווי אזוי מ'נעמט מיט די עצות פון ישיבה פאר'ן גאנצע לעבן

**אינעם קומענדיגן עמוד האבן מיר געברענגט שיעורים פונעם ראש ישיבה שליט"א פון די פארגאנגענע יארן אויף די פרשת השבוע און עניני שובבי"ם.**

בס״ד

# שיעורים און דרשות פון דער ראש ישיבה שליט״א פון די פארגאנגענע יארן

~דרוקט 1 פאר אידיש, 2 פאר שיעורים פונעם ראש ישיבה שליט"א און דערנאך 1 פאר טעגליכע דרשות~


1, 11 : א׳ שמות תשע״ה - זאל זיין אזוי

2, 13 : א׳ שמות תשע״ו - תיקון הכללי

2, 14 : ב׳ שמות תשע״ו - א איד איז נישט פרעמד

2, 15 : ג׳ שמות תשע״ו - ס׳איז נישט דיינס

2, 16 : ד׳ שמות תשע״ו - ווילאנג קען מען דאווענען מנחה

3, 47 : ג׳ שמות תשע״ז - מ׳האט נישט געהאלטן דערפון

3, 48 : ד׳ שמות תשע״ז - אני מאמין

3, 49 : ה׳ שמות תשע״ז - א פרייליכער שבת

4, 46 : ב׳ שמות תשע״ח - סגולות פאר שידוכים

4, 47 : ג׳ שמות תשע״ח - העלפן אינדערהיים

4, 48 : ד׳ שמות תשע״ח - מ׳קען זיך טוישן

5, 51 : א׳ שמות תשע״ט - שובבי״ם

5, 52 : ג׳ שמות תשע״ט - מ׳קען אלעס פארריכטן

5, 53 : ד׳ שמות תשע״ט - פון וועמען זיך שעמען

5, 54 : מוצאי שבת שמות תשע״ט - שבע ברכות פון החתן בנצי יאקאבאוויטש

6, 59 : א׳ שמות תש״פ - צוויי טעלעפאנס

6, 60 : ב׳ שמות תש״פ - שאפן געלט

6, 61 : ג׳ שמות תש״פ - מ׳קען גרינג פארריכטן

6, 62 : ד׳ שמות תש״פ - כ׳האב מיט דיר גארנישט

6, 63 : ה׳ שמות תש״פ - אזא ראש ישיבה


## שיעורים פאר אינגעלייט:

~דרוקט 1 פאר אידיש, 2 פאר שיעורים פונעם ראש ישיבה שליט"א און דערנאך 2 פאר וועכנטליכע דרשות~


2, 9 : ב׳ שמות תשע״ז - תיקון שובבי״ם

3, 12 : ב׳ שמות תשע״ח - סור מרע ועשה טוב

4, 11 : ה׳ שמות תשע״ט - ענדזשויען שבת

5, 13 : ה׳ שמות תש״פ - בין איך גערעכט אדער זי

# בשורה טובה!

די שטארק אויפגעבאפטע וועכנטליכע קונטרסים

## עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

איז שוין יעצט דא צו באקומען אפגעשיקט

**יעדע וואך צו אייער טיר אויף די פאסט**

הערליכע בריוו, שאלות ותשובות אין אלע אקטועלע נושאים אין טאג טעגליכן לעבן, געשריבן דורכ'ן ראש ישיבה **הרה"ג ר' יואל ראטה שליט"א**




פאר די ביליגע פרייז פון בלויז **$2.99** פער וואך

צו סובסקרייבן קענט איר רופן אדער שיקן א טעקסט

**718.387.2691**

קרן הדפסה היכל הקודש

אדער שיקט א אימעיל צו: **subscription@kerenhadfusa.org**

**פילע אידן זענען שוין אויפגעראכטן געווארן פון די געשמאקע בריוו, פול מיט עצות און חיזוק פאר יעדן פראבלעם, זייט אויך פון די גליקליכע!**

goodpointmediainc@gmail.com